# שיחות ודברות קודש לפרשת ראה משנת תשע"ג לפ"ק

## בסעודת הילולא של הרה"ק רבי אהרן מבעלזא זי"ע

יום א' פרשת ראה תשע"ג לפ"ק - בעיר דאבוס, שווייץ

**עס** איז מיר באמת זייער שווער צו רעדן ביי אזא מעמד, די סעודת הילולא פון אזא גדול בישראל, ווי דער רב זי"ע איז געווען. עס איז נישטא די מושג, וואס זאל עס קענען מסביר זיין. מען רעדט צו א יונגען דור, וואס האט ליידער נישט געהאט די זכיה אים צו קענען. און וואס מען הערט שוין, הערט מען נישט פון א כלי ראשון, און אסאך מאל אפילו נישט פון א כלי שני. די קדושה און די פרישות, תארו כמלאך אלקים, און זיין הנהגה איז געווען כמלאך אלקים. אז מען זאל קענען רעדן פון זיין קדושה, דארף מען אליין זיין אין אזא מושג, אז מען זאל קענען איבערגעבן פאר א צווייטען.

**די** גמרא (גיטין נו:) פארציילט, אז ביים חורבן בית המקדש, איז רבי יוחנן בן זכאי געווען אין ירושלים. און די רומיים האבען ארומגענומען ירושלים, און די בריונים האבען נישט געלאזט ארויס גיין. און רבי יוחנן בן זכאי האט געזוכט א וועג, ווי אזוי ער זאל קענען ארויסגיין פון ירושלים, און ער זאל זיך קענען טרעפן מיט אספסיינוס קיסר, וואס איז געווען אינדרויסען. נאכדעם וואס ער האט זיך ארויסדערוואשט פון ירושלים, און ער איז אנגעקומען צו אספסיינוס, און זיי האבען זיך אדורכגעשמועסט צווישן זיך, האט ער געזען וואס פאר א חכם רבי יוחנן בן זכאי איז. רבי יוחנן האט אים געזאגט אז ער וועט זיין א מלך, און עס טאקע געקומען די שליחות אז ער איז געווארן דער מלך. האט אים אספסיינוס געזאגט, בעהט פון מיר א זאך וואס דו ווילסט, און איך וועל דיר נאכגעבן.

**האט** רבי יוחנן בן זכאי געטראכט ביי זיך, אויב איך וועל אים בעטן אז ער זאל איבערלאזען ירושלים, און עס נישט חרוב מאכען, אפשר וועט ער אזא גרויסע זאך נישט נאכגעבן, (די גמרא דינגט זיך דערויף, אז ער וואלט יא געדארפט בעטן), האט ער געבעטען דריי זאכען. ער האט אים געבעטן יבנה וחכמיה, ער זאל איבערלאזען די שטאט יבנה מיט די חכמים. ושושילתא דרבן גמליאל, ער זאל איבערלאזען די שלשלת פון רבי גמליאל, די משפחה פון רבי גמליאל הנשיא. און ער זאל אים געבן א אסוותא, א דאקטער, וואס זאל היילען רבי צדוק. די דריי זאכען האט ער געבעטן פונעם מלך, און דער מלך האט עס אים נאכגעגעבן.

**די** גמרא (שם נו.) זאגט, אז רבי צדוק האט געפאסט פערציג יאר, אז דער בית המקדש זאל נישט חרוב ווערן. אזוי ווייט, אז ער איז צוזאמגעגאנגען, און ווען ער האט געגעסן עפעס, האט מען געקענט ארויסזעהן פונעם האלז, דעם מאכל וואס ער האט געגעסן. און מען האט געדארפט האבען א דאקטער, וואס זאל אים היילען אז ער זאל צוריקקומען צו די כוחות.

*

**בדרך** אגב, עס שטייט אין **תפארת שלמה** (פ' דברים ד"ה מה שמובא), אז עס קוקט אויס, ווי רבי צדוק האט מתפלל געווען אזויפיל יארען אויפן חורבן פונעם בית המקדש, און עס איז נישט נתקבל געווארן די תפלות, און דער בית המקדש איז יא חרוב געווארן. און עס קען אמאל ברענגען א יאוש אינעם ענין פון תפלה. אז מען זעהט, אז מען איז מתפלל, און מען פאסט אזויפיל, און פונדעסטוועגן דאך האט עס גארנישט אויפגעטון.

**זאגט** דער הייליגער **תפארת שלמה** א געוואלדיגע נקודה, און ער זאגט אז מען זאל זיך אראפלערנען דערפון א מוסר השכל. דער רבי צדוק האט פארשטאנען, אז עס וועט זיין דער חורבן פונעם בית המקדש, ער האט שוין געזעהן פערציג יאר פארדעם, די זאכען וואס די גמרא (יומא כא:) זאגט, אז עס האט זיך אפגעטון פון בית המקדש. האט ער געוואוסט, אז דער בית המקדש גייט חרוב ווערן. ער האט אבער

געפאסט יעדען טאג, אז 'דעם היינטיגען טאג' זאל דער בית המקדש נישט חרוב ווערן. מען זאל אויסציען דעם זמן פונעם חורבן פון בית המקדש, אויף נאך א טאג. און עס איז ביי אים געווען א געווינס צו פאסטען יעדען טאג, אז דער בית המקדש זאל בלייבען שטיין נאך איין טאג. האט ער מתפלל געווען און אויסגעצויגען אויף פערציג יאר, אז דער בית המקדש איז נישט חרוב געווארן.

**און** דער **תפארת שלמה** זאגט, אז יעדער יוד דארף דאס וויסען, און זיך אזוי פירן. א מענטש טראכט אסאך מאל אויף מדריגות, ווי אזוי קען מען צוקומען צו אזעלכע הויכע מדריגות, און מען זאל אייביג בלייבען אין די מדריגה. א יוד דארף נישט קוקען פאראויס אויף אייביג, נאר מתפלל זיין יעדען טאג אויפן היינטיגען טאג. 'איין' טאג קען דאך א מענטש אלעס אויסהאלטען, און זיך פארנעמען אז היינט וועט ער זיך פירן ערליך, היינט וועל איך טון עבודת ה'. מארגען, וועלן מיר זעהן מארגען עקסטער.

*

**רבי** יוחנן בן זכאי האט געבעטן דריי זאכען, און איינס איז געווען די אסוותא פאר רבי צדוק. רבי יוחנן בן זכאי האט געהאט א משפחה מיט קינדער, וואס זענען געווען אין ירושלים, וואס איז געווען באלאגערט. און ער האט נישט געבעטן, אז ער זאל זעהן זיי מציל צו זיין. ווי דער סדר פון א מענטש איז, אז קודם קוקט ער זיך ארום פאר זיך, ומבשרך אל תתעלם. רבי יוחנן בן זכאי האט געהאט א ווייטען בליק, און ער האט געזען אז דער חורבן פון בית המקדש וועט אנקומען, און יודען וועלן גיין אין גלות, און מען דארף זיך שוין יעצט זארגען, וואס וועט זיין נאכען חורבן פונעם בית המקדש. דער בית המקדש וועט חרוב ווערן, און עס וועט ווערן א חורבן ביי יודען, און מען וועט גיין אין גלות, וואס וועט זיין. ווי אזוי וועט כלל ישראל אויפשטיין שפעטער נאכען חורבן.

**אויף** דעם האט ער געבעטן די ערשטע זאך, תן לי יבנה וחכמיה, ער זאל אים איבערלאזען כאטש איין ווינקעל אין ארץ ישראל, ווי עס זאלן בלייבען חכמי ישראל, וואס זיי זאלען קענען זיין שפעטער, די וואס וועלן לערנען תורה מיט יודישע קינדער. אויב עס וועט חרוב ווערן גאנץ ארץ ישראל, פון ווי וועט תורה אויפשטיין שפעטער. מען מוז האבען א ווינקעל וואס דער אייבערשטער זאל איבערלאזען, און פון דארט זאל זיך קענען ווייטער שפינען תורה. האט ער געבעטן תן לי יבנה וחכמיה, אז דאס זאל ער איבערלאזען.

**נאכדעם** האט ער געבעטן א זאך, וואס איז אויך נוגע אויף שפעטער. שושילתא דרבן גמליאל. מען דארף האבען פון וואו מען זאל קענען ווייטער אויפשטעלן מלכות בית דוד. על כסאו לא ישב זר, ולא ינחלו עוד אחרים את כבודו (ברכת ההפטורה), לא יסור שבט מיהודה (בראשית מט-י). און רבי גמליאל האט געשטאמט פון בית דוד, דארף מען איבערלאזען די שלשלת פון רבי גמליאל.

**אבער** אסוותא דרבי צדוק, א דאקטער פאר רבי צדוק. רעדט מען דאך נישט פון א זאך, וואס איז נוגע פאר א דור שפעטער. מען רעדט דאך נאר פון א צדיק, רבי צדוק, וואס האט געפאסט, און מען דארף האבען א דאקטער זאל אים היילען. פרטיות'דיגע זאכען איז געווען אסאך וואס ער האט געקענט בעטן. פארוואס האט ער געבעטן אסוותא דרבי צדוק, אז ער דארף האבען א דאקטער פאר רבי צדוק, אז ער זאל אים היילען.

**איך** האב אמאל געזען שטיין, אז דאס איז געווען א חלק פון רבי יוחנן בן זכאי'ס חכמה, וואס ער האט געוואלט אויפשטעלן דעם דור שפעטער. עס איז נישט גענוג, אז מען וועט האבען יבנה וחכמיה, אז עס וועט איבער בלייבען א שטאט מיט תלמידי חכמים. **מען מוז זעהן, ווי אזוי עס האט אויסגעקוקט א צורה פון א צדיק פארן חורבן, וואס האט געקענט פאסטען פערציג יאר, און גארנישט טועם זיין, ביז ער איז אינגאנצן איינגעגאנגען. דאס מוז בלייבען פאר די וועלט שפעטער, אז מען זאל קענען אויפשטעלן יודישקייט**. עס איז נישט די אסוותא דרבי צדוק,

אז עס איז דא איין יחיד, וואס איז א גרויסער צדיק, און מען דארף אים היילען. נאר מיר דארפען האבען א אסוותא פאר רבי צדוק, ווייל מיר מוזען ווייזען פארן קומענדיגן דור, אז עס איז דא א יוד, וואס האט זיך געקענט מוסר נפש זיין פארן אייבערשטען, און געפאסט פערציג יאר, אז דער בית המקדש זאל נישט חרוב ווערן. דאס דארף מען איבערלאזען פאר די דורות שפעטער. אז נישט, וועט תורה נישט אויפגעבויט ווערן שפעטער. תורה קען זיך אויפבויען אויף אסאך ערליי וועגן. אבער תורה מיט א קדושה און א פרישות, אזוי ווי רבי צדוק איז געווען, דאס האט ער געדארפט האבען אויף שפעטער. אסוותא דרבי צדוק איז נישט געווען א פרטיות'דיגער יחיד'ישע זאך, וואס איז נוגע נאר פאר רבי צדוק.

**לענינינו** קען מען אויך זאגען, דער רבונו של עולם האט געברענגט דעם געוואלדיגען חורבן, וואס איז אדורכגעגאנגען אויפן כלל ישראל. עס איז נישט געווען אזוי ווי אין ארץ ישראל, וואס עס איז געבליבן נאר יבנה וחכמיה. נאר דער אייבערשטער האט איבערגעלאזט אין אלע ווינקלען תורה. און ב"ה מען קוקט היינט צו, ווי שיין תורה איז געוואקסען, אויף אזא פארנעם, וואס מען האט זיך נישט געקענט פארשטעלן, אז דאס זאל קענען זיין. עס איז נאר דורך די הבטחה פונעם אייבערשטען, כי לא תשכח מפי זרעו, זעהט מען פון יאר צו יאר, מער און מער יודען וואס זענען עוסק בתורה ובמצות, און עס שטעלט זיך אויף דורות, איינס נאכען צווייטען, וואס מען האט זיך אסאך מאל גארנישט צו שעמען פון די פריערדיגע דורות, על כל פנים אין חיצוניות, ווי אזוי עס קוקט אויס די עבודת ה'.

**און** דער אייבערשטער האט איבערגעלאזט אסוותא דרבי צדוק אויך, דאס איז געווען דער רב זי"ע. אז מען זאל וויסן, ווי אזוי עס האט אויסגעקוקט אמאל, א ערליכע יוד. מען זאל האבען א מושג, ווי אזוי א יוד האט זיך מוסר נפש געווען פארן אייבערשטען. וואס עניני עולם הזה האבן ביי אים נישט תופס געווען קיין מקום, במלוא מובן המילה. נישט קיין עסן און נישט קיין שלאפן, וואס מענטשליכע באגריפן האבען נישט שולט געווען ביי אים אין שטוב. און דאס האט דער אייבערשטער איבערגעלאזט פאר אונז, כזה ראה וקדש, אזוי דארף אויסקוקען א צדיק. אפילו מיר קענען נישט נאכמאכען, צו קענען גיין אין די וועגן פונעם צדיק, זאל מען כאטש האבען א מושג, זעהן און געדענקען, ווי אזוי א צדיק אמת האט אויסגעקוקט. און דאס האט דער אייבערשטער איבערגעלאזט פאר דעם דור, אז מען זאל דאס קענען זעהן אויף שפעטער.

*

**איך** האב געטראכט די וואך, אז מען זעהט, פון אלע חכמי ישראל וואס איז געווען בשעת'ן חורבן, איז נאר געווען רבי צדוק וואס האט אזויפיל געפאסט, אז מען האט געדארפט האבען א דאקטער זאל אים היילען. פארוואס איז נישט געווען אנדערע חכמי ישראל, וואס מען זאל געפונען אין די גמרא, אז זיי האבען זיך מוסר נפש געווען, און געפאסט, אז עס זאל נישט פאסירן דער חורבן בית המקדש.

**איך** האב געלערנט די וואך מסכת תענית (יב.), די גמרא רעדט כלפי א תענית, צו מען דארף משלים זיין דעם תענית ביז צום סוף פונעם טאג. און אויב מען האט נישט משלים געווען דעם תענית, צו עס ווערט גערעכנט ווי א תענית צו נישט. און די גמרא פארציילט אז רבי אלעזר בן רבי צדוק האט געזאגט, אז ער איז פון די קינדער פון סנאב בן בנימין, וואס זיי האבען געהאט א טאג וואס איז געווען מיוחד פאר זיי פאר א יום טוב. ווען יודען זענען ארויפגעקומען פון בבל דאס ערשטע מאל, נאכען חורבן פונעם בית המקדש. און עס איז געווען ארימקייט, און מען האט נישט געהאט קיין האלץ, וואס מען זאל קענען ניצען כדי מקריב צו זיין די קרבנות אין בית המקדש. זענען געווען עטליכע משפחות וואס זיי האבען מנדב געווען האלץ פארן מזבח. און מען האט קובע געווען דעם טאג, פאר זיי פאר א יום טוב אויף שטענדיג. און אין דעם טאג האבען זיי געהאט א זכות, אז זיי האבען געקענט ברענגען עצים למזבח. מען האט אלעס געלייגט אין א זייט, און מען האט

עס פאר זיי געגעבען. און די משפחה פון סנאב איז געווען זייער טאג י' אב, און עס איז געווען ביי זיי, אזוי ווי א יום טוב. און ווען עס איז אויסגעפאלען תשעה באב אין שבת, און מען האט געפאסט די תענית פון תשעה באב אין י' אב, האבען זיי נישט משלים געווען דעם תענית, ווייל עס איז געווען ביי זיי א יום טוב.

**און** תוספות זאגט דארט, אז פון דעם איז א ראיה אז אפילו נאכען חורבן פון בית המקדש, איז נאך אלץ געבליבען פאר די משפחות א יום טוב אין דעם טאג. ווייל רבי אלעזר בן רבי צדוק איז געווען נאכען חורבן פונעם בית המקדש, און ער זאגט דא אז מען האט נישט געפאסט י' אב. תוספות ברענגט איין ראיה אז ער איז געווען נאכען חורבן בית המקדש, און דער מאירי ברענגט נאך א ראיה, אז ער איז געווען נאכען חורבן, ווייל ער איז דאך געווען א זון פון דעם רבי צדוק, וואס האט געפאסט ביים חורבן פונעם בית המקדש. און דער רבי אלעזר זאגט, אז מען האט נישט געהאלטען תשעה באב, נאר מען האט געגעסן, איז דאך א ראיה, אז נאכען חורבן גייט אויך אן די הלכה.

**קומט** אויס, אז דער רבי צדוק וואס האט געפאסט אזויפיל יארן אויפן חורבן, האט געשטאמט פון די משפחה, וואס האט געברענגט האלץ, בשעת מען האט אויפגעשטעלט דעם צווייטען מאל דעם בית המקדש, נאכען ערשטען חורבן. און ווען עס איז געווען גרויס ארימקייט, האט זיין משפחה מנדב געווען די עצים פארן מזבח. **ווען קינדער זעהען א טאטען וואס האט מסירת נפש פאר יודישקייט, גייט דאס אריבער צו די קינדער, און זיי פירען זיך נאכדעם אויף דעם וועג.** אז דעם רבי צדוק'ס זיידע איז געווען פון א משפחה, וואס האט מנדב געווען עצים פארן בית המקדש. ווען עס איז נישט געווען קיין געלט, און מען האט געדארפט טון די עבודה אין בית המקדש, האבען זיי מנדב געווען איין טאג די עצים, איז מען זוכה אז מען האט א קינד ווי רבי צדוק, וואס איז זיך גרייט אוועקצוגעבן דאס לעבן פארן בית המקדש. און דאס איז געווען דער רבי צדוק, וואס ער איז געשטאנען העכער פון א צווייטען, און ביי אים האט אזוי געברענט די קדושה פונעם בית המקדש. ווייל וואס א קינד באקומט חינוך פון א משפחה, און וואס ער זעהט ביי די עלטערן, דאס בלייבט ביי אים אנגעצייכנט אויף לדורות שפעטער.

**דער** רב זי"ע וואס איז געווען דער רבי צדוק אינעם היינטיגען דור. נישט געגעסן און נישט געטרינקען, און שטענדיג נאר מתפלל געווען פאר יודענ'ס וועגן. מיר האבען נישט קיין מושג, אין די קדושה און די פרישות וואס איז געווען ביים רב זי"ע. דער רב איז נאר פשוט געזעצן איבער טאג אויפן שפיץ בענקל, אן קיין אנכאפער אין די זייט, און אן דעם וואס ער זאל זיך אנליינען אויפן ריקען, נאר געזעצן ביים עק פונעם בענקל. מען האט דערקענט אויפן בענקל אז עס איז געווען אפגעריבען די פלאץ ווי דער רב ז"ל איז געזעצן. און אזוי איז ער געזעצן יארן. זאל עס איינער פראבירען נאר איין טאג אזוי צו זיצען, אדער אפילו נאר א האלבען טאג, זיצען ביים עק פונעם בענקל אזוי איינגעבויגענערהייט, וועט ער וויסען וואס דאס מיינט פרישות און אפגעזונדערטקייט פון די וועלט.

*

**גדולים** צדיקים במיתתן יותר מבחייהן (חולין ז:), צדיקים במיתתן שטייען אין א סאך א העכערע מדריגה, משפיע צו זיין, ווי ביי זייער לעבן. וואס דער ענין דערפון איז, א מענטש האט זכותים וויפיל ער קען דערהייבען. א יחיד האט א זכות פון א יחיד. א צדיק האט א זכות פון א רבים. אבער עס איז באגרעניצט וויפיל זכותים ער קען האבען. אבער די קדושה וואס זיי לאזען איבער אויף די וועלט, וואס דאס האט א השפעה אויף שפעטער, פון פירות און פירי פירות, דאס האט נישט קיין ענדע. און פון יאר צו יאר ווערט נתרבה די זכותים פון דעם צדיק, פון די פירות וואס ווערן אהערגעשטעלט, פונעם כח וואס דער צדיק האט עס משריש געווען אויף די וועלט. אור זרוע לצדיק (תהלים צז-יא), א צדיק לייגט אריין א זרע אין די ערד, און שפעטער וואקסט ארויס

פון די קליינע קערעלע, א בוים מיט פירות און פירי פירות אויף יארן שפעטער. וועגן דעם איז גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהן, ווייל וואס א יאר עס גייט אדורך וואס זיי זענען נישטא אויף דעם עולם, ווערן זייערע זכותים נתרבה בכפלי כפלים, פון וואס עס איז געווען.

**דער** רב זי"ע איז אוועק פון די וועלט, ווען עס איז געווען בזעיר אנפין, ער איז געווען ארום געגומען מיט א פאר יודען. עס איז געווען נאך אזא חורבן, וואס ער האט פארלוירען יעדען איינעם. מען קוקט היינט צו, מען שטייט שוין יארען שפעטער, און מען זעהט וואס עס איז אויסגעוואקסען פירות און פירי פירות אין אלע תפוצות הארץ. טויזענטער און טויזענטער תלמידים און חסידים וואס גייען לאורו. איז אוודאי גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהן. מה כאן עומד ומשמש, אף התם עומד ומשמש (סוטה יג:), אזוי ווי ער האט מתפלל געווען בחייו די אלע יארען פארן כלל ישראל, איז ער אודאי מתפלל יעצט אויך, אויף די אלע וואס האבען א שייכות צו אים, און די אלע וואס טוען שטיצען זיינע מוסדות, און פאר די אלע וואס קערן זיך אן אין זיין קדושה, און פאר גאנץ כלל ישראל. זאלען מיר אלע זוכה זיין, אז ער זאל משפיע זיין אויף אונז שפע ברכה און הצלחה. מען האלט שוין נאנט צו די הייליגע טעג, זאלן מיר האבען א כתיבה וחתימה טובה, און א גוט געבענטשט יאר, און מיר זאלן זוכה זיין צו ביאת בן דוד במהרה בימינו אמן.

## ביקורו של כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א אצל רבינו שליט"א

יום ב'פרשת ראה תשע"ג לפ"ק - בעיר דאבוס, שווייץ

**רבינו:** אויף אזא כבוד האב איך זיך נישט גערישט.

**האדמו"ר מויזניץ:** עס איז פשוט מענטשליכקייט. דער מחותן איז געווען ביי מיר פאריאר, איז מענטשליך אז מען זאל צוריקקומען. איך געדענק אמאלביים זיידען (בעל אמרי חיים זי"ע), עס איז געווען איינגעפירט צו זאגען תורות ביים ליינען, בין גברא לגברא. איז געווען אמאל פרשת שלח, האט זיך איינער צוגעבויגען און געזאגט, 'שלח לך אנשים' (במדבר יג-ב), שיק אוועק די מענטשליכקייט. האט אים דער זיידע געפרעגט, ווער זאגט עס. האט ער געזאגט, דער קאצקער. האט ער זיך אויסגעדרייט צו צוויי אויבערלענדער יודען, צו רבי אברהם הענדלער, און צו רבי מרדכי ברוך גייגער, און ער האט זאגט, ביי אונז האט מען געטייטש, 'ואנשי קודש תהיון לי' (שמות כב-ל), מענטשליך הייליג זאלט איר זיין צו מיר. מען דארף זיין קודש, אבער מענטשליך.

**רבינו:** ואנשי קודש, איז אויך א קאצקער ווארט.

**האדמו"ר מויזניץ:** איך האב פארציילט היינט אינדערפרי, אז עס איז געווען א בחור, וואס איז געקומען צום זיידען, און ער האט אים געזאגט, רבי, איך וויל גיין מיט א גארטעל א גאנצען טאג. זאגט אים דער זיידע, זאג מיר נאר, ווען דו וועסט ארויפגיין אויף א אוטובוס, און עס וועט ארויפקומען א עלטערער יוד, וועסטו איבערגעבן דיין פלאץ. האט ער געענטפערט, יא. און אויב עס וועט קומען איינער, און ער וועט דיר פרעגן א אדרעססע, וועסטו אים זאגען, גיי דארט און דארט. אדער דו וועסט אים ווייזען פונקטליך ווי צו גיין. ווייל אויב נישט, איז די קאפעליטש מיט די רעקל אויך צו פיל.

ער פלעגט אסאך מאל זאגען פאר די בחורים, צו איין בלעטל גמרא, דארף מען צוויי בלעטלעך מדות. אזוי זאגט די גמרא (יומא פו.) שיהא שם שמים מתאהב על ידך, שיהא משאו ומתנו בנחת עם הבריות. ער פלעגט אסאך רעדן פון דעם, אז מען זאל מקדש זיין שם שמים.

ער פלעגט אסאך מאל זאגען פאר די בחורים, איך בעהט אייך, איר זאלט זיין בנימוס. נישט 'נמאס', נאר 'נימוס'. ער האט אמאל געזאגט א לאנגען שמועס, אויף החודש הזה לכם ראש חדשים (שמות יב-ב), זאגט רש"י כזה ראה וקדש. אויף מיינער א בחור, אדער מיינער א יונגערמאן, זאל מען קענען זאגען, כזה ראה וקדש. דאס איז א חסידישער בחור. וואס מיינט איר, אז אויב מען וועט גיין מיט שמוציגע שיך, און א שמוציגע קאפעליטש, וועט איר זיין מער

חסידיש אדער חניאקיש. ניין, מען דארף זיין איידעל, און בנימוס.

**רבינו:** איך האב אמאל געזאגט ביי א דרשה ברבים, אז מען געפינט ביי א מצורע, בגדיו יהיו פרומים (ויקרא יג-מה), ער דארף נעמען זיין בגד, און עס צורייסען. און ווען ער איז זיך מטהר, שטייט אין פסוק (שם יד-ט) וגילח את כל שערו, ער האט זיך געדארפט אפשערן די בארד מיט די פאות. וואס פאר א שייכות האט עס, ווייל ער איז א מצורע דארף ער זיך אפשערן די האר און צורייסען די בגדים. נאר נגעים קומען אויף א מענטש, ווייל ער האט גערעדט לשון הרע (ערכין טז.). ווען א אדם פשוט זאגט אויף יענעם א שלעכטע זאך, איז מען נישט אזוי שטארק מקבל, האט ער געזאגט. אבער ווען א אדם חשוב רעדט אויף איינעם, איז מען עס מער מקבל. קומט אויס, אז די לאנגע בארד האט אויך צוגעהאלפען, אז די לשון הרע זאל נתקבל ווערן. און די שיינע בעקיטשע האט אויך צוגעהאלפען דערצו. האט די תורה מחייב געווען, וגילח את כל שערו, עס איז נישט גענוג, אז מען איז מתקן דעם דיבור אליין, נאר נעם אראפ די בארד מיט די פאות, צורייס דיין בגד, ווייל אלעס האט געהאט א חלק אינעם לשון הרע.

**האדמו"ר מויזניץ:** איך בין אמאל געווען אין צימער ביים זיידען דער **אמרי חיים**, און די געשוויסטער האבען דארט געשמועסט. האט ער געפרעגט וואס מען שמועסט, האט מען אים געזאגט, אז א יוד האט באהאלטען אין א ספר תורה גאלד, און ער האט עס געוואלט אדורכשווערצען די גרעניץ, און מען האט אים געכאפט. האט ער זיך אנגערופן, איך האף אז ער איז נישט קיין חרדישער יוד. האט מען אים געזאגט, אז עס איז געווען א יוד מיט א בארד און פאות. האט ער געגעבן א געשריי, ער פארשעמט די יודישקייט, זאל ער זיך אפשערן די בארד און פאות.

מען זאגט נאך א ווערטל, ווען איינער קומט ארויף אויבן אין הימל, און ער האט זיך נישט אויפגעפירט ווי עס ברויך צו זיין. פרעגט מען אים, 'בארד בארד, ווי איז דער יוד'. איינער וואס גייט אָן א בארד, און ער פירט זיך אויף ווי עס דארף צו זיין. פרעגט מען אים, 'יוד יוד, ווי איז די בארד'. אבער על כל פנים א יוד איז ער.

דא אין שווייץ, איז געווען א יוד רבי בונם שרייבער, דעם חתם סופר'ס א אייניקעל, האט דער זיידע געזאגט, אלקים עשה את האדם ישר (קהלת ז-כט) מיינט מען דעם **חתם סופר** ותלמידיו. אלע זענען געווען גראדע מענטשען.

עס האט מיר דערציילט א בחור, אז ער איז אמאל געווען אין אפטייק, און מען האט אים צוריקגעגעבן געלט מיט צען אגורות מער. איז דער בחור צוריקגעגאנגען אין אפטייק, צוריקצוגעבן דאס איבריגע געלט. האט ער אים געפרעגט, אתה לומד בויזניץ, ווייל איך ווייס אז אייער רבי ארבעט שטארק דערויף.

אין ויזניץ איז דא א תנועה וואס מען זאגט פאר די ספירה, און אינמיטן די הגדה. ביי אונז זאגט מען נישט קיין דברי תורה ביי די הגדה. דער ניגון שטאמט פונעם **תורת חיים**. עס איז געווען א יוד א קאסובער חסיד, וואס האט אפגעקויפט א הויז פון א גוי, און ער האט געטראפען אין דעם הויז באהאלטען שטיקער גאלד. איז דער יוד געקומען צו דעם גוי, און ער האט אים געזאגט, דער אוצר איז נישט מיינער, דער אוצר איז דיינער. האט אים דער גוי געזאגט, איך האב אינגאנצן פארגעסן, אז איך האב עס אמאל באהאלטען. דער גוי האט געמאכט א גרויסע משתה לכבוד דעם אוצר, און דארט האט מען געזינגען דעם ניגון. זיי האבען געזינגען דעם ניגון אויף רומעניש, 'געלויבט ביסטו גאט, אז דו האסט אזא פאלק'. און דעם ניגון האט מען געזינגען ביי אונז, אלס הכנה צו מתן תורה. והייתם לי סגולה מכל העמים, דאס איז די סגולה.

**וכיבדו רבינו לברך על היין**

**האדמו"ר מויזניץ:** לחיים טובים ולשלום, מען זאל זיך טרעפן שטענדיג אין פריידען, מען זאל קענען מיט נעמען פרישע כוחות אויף די הייליגע טעג. 'חמשה עשר באב' איז בגימטריא 'כתיבה וחתימה טובה', אזוי שטייט פונעם זיידען ז"ל.

**רבינו:** מען זאל האבען א גוט געבענטשט יאר, און מען זאל קענען מרחיב זיין די גבולי קדושה מיט הרחבת הדעת.

**האדמו"ר מויזניץ:** מיין שווער (הגה"צ אב"ד שטראסבורג זצ"ל) פלעגט אסאך מאל צו זאגען, מען בעהט 'ותקבל תפלתנו ברחמים וברצון', וואס איז דער לשון 'ברחמים וברצון'. נאר עס קומט אמאל א ארימאן ביי די טיר, און ער קלאפט, און מען קען אים נישט, בעהט ער זיך, האב רחמנות, און נעם מיר אריין. ווען עס קומט אבער א באקאנטער גוטע פריינד, נעמט מען אים אויף מיט א שלום עליכם, קומט'ס אריין אין שטוב. קודם בעהט מען 'ברחמים', ווי א ארימאן, כדלים וכרשים דפקנו דלתיך, האב רחמנות אפילו איך בין נישט ווערט. און נאכדעם 'ברצון', אז מיר זאלן זיין ווי גוטע פריינד, און זיין נאנט צום אייבערשטען, ותקבל תפלתנו ברחמים וברצון.

**וכיבדו רבינו לברך על הפירות**

**האדמו"ר מויזניץ:** ווען מיין טאטע ז"ל איז געקומען קיין שווייץ, איז דארט געווען נאר צוויי יודען מיט בערד, רבי וואלף ראטה און רבי מאיר ראזענבוים, די איבריגע זענען געווען אָן בערד. אבער די ישרות און די גראדקייט, איז געווען אויסערגעוועגליך. זיי האבען נישט געקענט קיין דריידעלעך.

מיין זיידע ז"ל האט אמאל געזאגט, מען זאל אים ברענגען מילך. אבער עס איז געווען אויסגעמישט מיט וואסער. האט ער געזאגט, איך וויל נישט קיין מילך מיט דריידעלעך. איז געווען א יוד, וואס פלעגט ברענגען פארן זיידען ריינע מילך, פון די שטאט יסודות, ווייל די אנדערע איז געווען געפאלטשוועט, און ער האט נישט ליב געהאט קיין פאלטשע זאכען.

עס איז געווען אמאל תשעה באב, און ער איז געווען שוואך, און דער גבאי האט אים אויפגעהויבען. און דער זיידע האט עפעס געהאלטען די הענט אויף אים, און עס האט געשטערט. האט ער געזאגט, 'דער רבי זאל אראפנעמען די האנט'. רופט זיך אן דער זיידע, 'איך דארף נאך האבען די האנט'. האט ער געפרעגט דעם זיידען, רבי, ווי אזוי זאל איך רעדן. האט ער אים געזאגט, ביזט גערעכט. איך פארשטיי דיך. נאר איך וויל ענק אויסלערנען, ווי אזוי מען רעדט. אז מען רעדט זאל זיין גערעדט.

איך געדענק ביי מיר, איך בין אמאל אריינגעקומען אין צימער, האט ער מיר געזאגט, גיי רוף די באבע. בין איך געגאנגען, און איך בין צוריקגעקומען און געזאגט, די באבע קומט 'שוין'. האט ער געגעבן א קלאפ און געזאגט, די באבע קומט 'באלד'. 'שוין' מיינט 'יעצט'.

**רבינו:** מען זאגט נאך אויף **רבי פנחס קאריצער**, אז ער האט געהאט א תלמיד **רבי רפאל בערשידער**. און ער איז געווען א שטארקער איש אמת. און **רבי פנחס קאריצער** האט געזאגט אויף אים, אז ווען עס האט גערעגנט אינדרויסען, און ער איז אריינגעקומען אין שטוב, און מען האט אים געפרעגט צו עס רעגנט אינדרויסען, האט ער געענטפערט, ווען איך בין געווען אינדרויסען, האט גערעגנט. ווייל עס קען זיין, אז ביז ער איז אריינגעקומען, האט שוין אויפגעהערט צו רעגענען.

**האדמו"ר מויזניץ:** דער טאטע פלעגט אסאך צו רעדן פון אים. ער איז געווען א ארימאן, און ער האט אמאל אריינגעברענגט אין שטוב צוויי קליינע חלות. האט זיך די רעבעצין אנגערופן, 'מיט איין בלאז פליהט עס אוועק'. האט ער געגעבן א בלאז, און עס איז נישט אוועקגעפלויגן. האט ער איר געזאגט, ווי אזוי קען מען אזוי רעדן.

איינמאל פרייטאג נאכמיטאג, האט זי אים געזאגט, אייל דיך צו, מען געט זיך איין דריי, און עס איז שוין שבת. האט ער זיך געגעבן א דריי, און עס איז נישט געווארן שבת. האט ער געזאגט, ווי אזוי קען מען זאגען זאכען, וואס עס איז נישט אמת.

**רבינו:** מען דערציילט נאך אויף די הסתלקות פון רבי רפאל, אז עס איז געווען א יוד וואס האט געטון א זאך אקעגן די רעגירונג, און ער האט געלייקענט, אז ער האט עס נישט געטון. האט דער ריכטער אין די שטאט געזאגט, אז דא אין שטאט איז דא א צדיק רבי רפאל, און אויב ער וועט מעיד זיין, אז וואס דו זאגסט איז אמת, וועסטו באפרייט ווערן. איז מען געגאנגען צו דעם רבי רפאל, אז ער זאל קומען עדות זאגען. אבער עס איז דאך נישט געווען אמת, און פון די אנדערע זייט איז עס נוגע צו פיקוח נפש פון א יוד. האט ער נישט געוואוסט שוקל צו זיין, וואס ער זאל טוהן. ער האט קיינמאל נישט געזאגט קיין ליגענט. האט ער

געבעטן פונעם רבונו של עולם, אז ער וויל אוועקגיין פון די וועלט. ווי איידער ער זאל דארפען זאגען שקר, וויל ער אוועקגיין פון די וועלט. און אזוי איז ער נסתלק געווארן.

**האדמו"ר מויזניץ:** מיין טאטע ז"ל פלעגט דערציילען פונעם **אהבת ישראל**, אז עס איז אמאל געקומען א מקשה לילד, און די דאקטורים האבען געזאגט, אז זי איז אין א גרויסע סכנה. איז מען געקומען צום **אהבת ישראל** מזכיר זיין. האט דער **אהבת ישראל** געזאגט, עס איז גארנישט. עס איז געווען שבת נאכמיטאג, און די משפחה איז נאכאמאל געקומען צום **אהבת ישראל**, און זיי האבען געזאגט, רבי, זי גייט אויס. האט זיך דער **אהבת ישראל** אנגערופן, 'אוי ווי, וואס זאל איך טון אז מען האלט מיר פאר א ליגנער'. און ער האט זיך אנגעכאפט די בארד, און געזאגט, 'די בארד האט נאך אין איר לעבן קיין ליגענט נישט געזאגט'. און זי האט נאך געלעבט ביז פאר צוועלף יאר צוריק.

דער טאטע ז"ל פלעגט אסאך מאל צו זאגען, מיין הייליגער זיידע האט געהאט די וועלט אין זיינע הענט, און ער האט געקענט מיט איר דרייען ווי אזוי ער האט געוואלט.

ער האט מיר דערציילט, אז ער איז געווען ביי די קוויטלעך, איז געשטאנען דארט א יוד, און ער האט געזאגט, רבי, איך האב א לענדל (א שטיקל קרקע) צו פארקויפן, און מיט די געלט וויל איך קויפן א פאבריק. האט ער אים געזאגט, אוודאי אוודאי, א פאבריק איז זייער חשוב. דריי מענטשען שפעטער איז געווען די זעלבע שאלה, איך האב א לענדל צו פארקויפן, און איך וויל קויפען מיט דעם א פאבריק, האט ער אים געזאגט, ניין, א לענדל פארקויפט מען נישט.

דער פעטער דער **קאטמונ'ער רב** האט מיר פארציילט, אז דער **אהבת ישראל** איז אמאל געווען אין בראשוב אויף א לינת לילה. האט אים דער **בראשוב'ער רב** גערופן אויף פרישטאג. עס איז געווען היכע טרעפן ארויפצוגיין, האט אים דער **בראשוב'ער רב** אנגעכאפט אויף איין זייט, און דער **קאטמונער רב** אויף די צווייטע זייט. רופט זיך אָן דער **אהבת ישראל** צום **בראשוב'ער רב**, א יא, איר שלעפט א גראבער יונג. האט דער בראשובער רב געזאגט, רבי, צו ווען מען רעדט איר. איך גלייב נישט וואס איר זאגט, מיין איידעם דער **קאטמונער רב** גלייבט אויך נישט, פארוואס רעדט דער רבי אזוי. האט ער געזאגט, 'אמת, אבער אז מען רעדט זיך אפ פונעם הארץ, ווערט לייכטער'.

פון די אנדערע זייט דערציילט דער טאטע, אז עס איז געווען תרצ"ב, און מען האט געדארפט פארען קיין ויזניץ אויף ראש השנה. און עס איז געווען גרויסע פאגראמען אויף די באנען. איז אריין די גאנצע משפחה, דער זיידע, דער **סערעט'ער פעטער**, און דער **דמשק אליעזר**, און זיי האבען אים געבעטן, אז ער זאל נישט פארען קיין ויזניץ. האט ער יעדעם געפרעגט, וואס האלסטו, און וואס האלסטו. האט ער געגעבן א זאג, וואס האט איר מורא, אז מען וועט דא אנרירען. 'ווי איז פאר די האנט, וואס וועט דא אנרירען', און ער איז געפארן. ער האט געקענט זאגען אזוי און אזוי. סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה.

**רבינו:** איך האב געהערט פונעם **קאטמונער רב**, אז ווען דער **אהבת ישראל** איז געווען דארט ביים **בראשובער רב** אין שטוב, האט ער אים מכבד געווען צו בענטשען. און ביים בענטשען האט דער **אהבת ישראל** געזאגט, הרחמן הוא יברך את בעל הבית הזה ואת בניו ואת בני בניו, און דער **בראשובער רב** האט נאך דעמאלטס נישט געהאט קיין אייניקלעך. ווען מען האט געענדיגט דאס בענטשען, האט ער געזאגט פארן **אהבת ישראל**, איך האב נאכנישט קיין אייניקלעך. האט ער אים געזאגט, 'אז איך האב געזאגט, האב איך געזאגט'. האט דער **קאטמונער רב**, אדער דער **בראשובער רב** געזאגט, אז איך האב פארשטאנען דעמאלטס, אז ער האט אים געוואלט ממשיך זיין א ברכה אויף די אייניקלעך. ברך בניך בקרבך (תהלים קמז-יג), ער האט געבענטשט די קינדער, ווען זיי זענען נאך געווען בקרבך.

**האדמו"ר מויזניץ:** דער זיידע האט אמאל געזאגט, מען דערציילט מעשיות פונעם **בעל שם טוב**, ווייס איך דען צו אלעס איז אמת, אבער עס וואלט געקענט זיין אמת. איך זאג אלץ, חייב אדם לומר מתי יגיעו מעשי למעשה אבותי (תנא דבי אליהו פרק כה), ווען מען רעדט פון

די גרויסע יודען, זאל מען כאטשיג וויסען, וואס עס איז אמאל געווען אויף די וועלט.

**רבינו:** נעכטען איז געווען דא א סעודה לכבוד די יארצייט פונעם **בעלזער רב זי"ע**, און מען האט מיר געבעטן, אז איך זאל רעדן אפאר ווערטער. האב איך נאכגעזאגט, אז די גמרא דערציילט, אז ביים חורבן בית המקדש, האט רבי יוחנן בן זכאי האט געבעטן פון אספסיינוס קיסר, אז ער זאל אים געבן א דאקטער זאל אויסהיילען רבי צדוק.... (הובא לעיל).

**האדמו"ר מויזניץ:** דער טאטע פלעגט צו זאגען, אז דער צורר היהודים האט אויסגע'הרג'עט די וועלט נישט נאר בגשמיות, נאר אויך ברוחניות. אז מען זעהט נישט ווי אזוי עס האבען אויסגעזעהן עלטערע פארצייטישע יודען. אז מען זעהט עלטערע יודען, לערנט מען זיך אפ, מען ווייסט ווי אזוי עס איז אמאל געווען, און ווי אזוי מען דארף זיין. ער האט אמאל דערציילט, אז עס איז געווען איינע פון די גרויסע חסידים, ער האט געהייסען רבי מרדכי חנא. ער איז געווען א עלטערער יוד, און ער איז אמאל געקומען צום זיידען, צום **אהבת ישראל**, צום סדר. און איך האב נישט געוואוסט אויף וועם צו קוקען. צו אויפן זיידען, ווי אזוי ער פירט דעם סדר. צו אויף רבי מרדכי חנא, ווי אזוי ער קוקט אויפן זיידען.

**רבינו:** ווי לאנג נעמט די וועג אהער.

**האדמו"ר מויזניץ:** א שעה און א האלב. א גוטע זאך קומט אן שווער. ווי לאנג בלייבט דער מחותן דא.

**רבינו:** ביז מיטוואך.

**האדמו"ר מויזניץ:** עס איז גענוג? מען זאגט נאך אויפן **שינאווער רב** אז ער איז געשלאפן ווייניג, און ער האט געזאגט אז ער שלאפט שנעל. זעהט אויס, אז דער מחותן רוהט זיך שנעל אויס.

**ונפרדו לשלום**

## במסיבת לחיים אחר חזרתו של מרן רבינו שליט"א לקעמפ

ערב שבת קודש פרשת ראה תשע"ג לפ"ק

**עס** איז ביי מיר זייער א חשוב'ע מתנה, וואס איך האב באקומען (שש מאות תשעים וחמש שעות רצופות, שנלמדו על ידי בחורי ישיבתנו הק', במשך שבוע זו). עס איז נחמדים מזהב ומפז רב, ומתוקים מדבש ונופת צופים. עס איז נישטא קיין געלט, וואס זאל קענען באצאלען אזא שיינע מתנה, וואס מען האט מיר מכבד געווען, מיט די שעות רצופות וואס מען האט געלערנט.

**איך** וועל זאגען א פאר ווערטער, ארויסצוברענגען וואס עס מיינט שעות רצופות. עס איז נישט נוגע נאר פארן עבר, וואס מען האט שוין געלערנט. נאר מען דארף זיך צוגעוויינען, צו לערנען שטענדיג תורה ברציפות. איינע פון די גרעסטע תנאים וואס מיר האבען געהאט אין ש"ס, איז געווען רבי עקיבא. דער גרויסער רבי עקיבא, ווען ער איז געווען א בחור אזוי אלט ווי איר זענט, האט ער נאכנישט געקענט קיין אלף בית. ער האט אנגעהויבען צו לערנען תורה נאך די חתונה. עס שטייט אין די גמרא (נדרים נ.) אז ער האט שוין געהאט א יונגעל, וואס האט אויך נישט געקענט קיין אלף בית, און צוזאמען זענען זיי געגאנגען אין חדר, און זיי האבען אנגעפאנגען צו לערנען די אלף בית. און רבי עקיבא איז אויסגעוואקסען אזוי גרויס אז עס שטייט אין מדרש (במדב"ר יט-ו), אז זאכען וואס משה רבינו האט נישט משיג געווען, האט רבי עקיבא משיג געווען.

**און** די גמרא (כתובות סב:) פארציילט אויף רבי עקיבא, אז ער איז געגאנגען צו א רבי, און ער האט אים געבעטן, אז ער וויל אנהייבען צו לערנען תורה. האט ער גענומען א צעטל, און ער האט אים אויפגעשריבען די אלף בית. און ער האט זיך אראפגעזעצט מיט זיין יונגעל, און זיי האבען צוזאמען געלערנט די אלף בית. און נאכדעם האט ער געלערנט חומש, מקרא, און משנה, ביז ער איז אויסגעוואקסען א רבי עקיבא. ער האט שוין דעמאלטס געהאט חתונה געהאט מיט זיין ווייב רחל, זי איז געווען א נגידיש קינד, און זי האט איבערגעלאזט דעם פאטער'ס שטוב, ווייל זי האט געוואלט חתונה

האבען מיט א בן תורה. און זיי האבען אפגעמאכט צווישן זיך, אז ער פארט אוועק לערנען תורה, ער וועט איבערלאזען די שטוב, און ער וויל זיך מפקיר זיין פאר תורה. און רבי עקיבא האט איבערגעלאזט זיין ווייב אינדערהיים צוועלף יאר. גאנצע צוועלף יאר איז ער אוועק אין א בית המדרש, אין א פרעמדע שטאט לערנען, און די גאנצע צוועלף יאר איז ער נישט אהיימגעקומען. און זי איז געבליבען אליין זיצען אין שטוב, און זי האט זיך אויך מפקיר געווען פאר תורה.

**נאך** צוועלף יאר האט ער געטראכט, אז עס איז נישט קיין יושר, ער האט חתונה געהאט, און ער האט איבערגעלאזט א ווייב אינדערהיים, און ער דארף אהיימגיין, און זיך אומקוקען, וואס עס טוט זיך אין שטוב. איז ער אהיימגעקומען, און מען האט אים נישט דערקענט. נאך די צוועלף יאר האט ער שוין נישט אויסגעזעהן אזוי ווי פאר דעם. און ער האט געהערט אונטער די טיר, ווי אזוי מען טשעפעט זיין ווייב, אז דיין מאן האט דיך איבערגעלאזט, און ער איז אוועקגעגאנגען לערנען, און ער קוקט זיך נישט אום אויף דיר. און זיין ווייב האט זיך אנגערופן, אז ווען ער זאל מיך פרעגן, וואלט איך מסכים געווען, אז ער זאל זיצען נאך צוועלף יאר און לערנען תורה. איז רבי עקיבא נישט אריינגעגאנגען צו זיך אין שטוב, ער האט זיך תיכף אויסגעדרייט, און ער איז צוריקגעגאגען אין בית המדרש. און וועיטער ממשיך געווען צו לערנען נאך צוועלף יאר. ער האט געלערנט פיר און צוואנציג יאר, און נישט געווען אינדערהיים. און נאכדעם איז ער צוריקגעקומען מיט א אוצר פון תלמידים, וואס ער האט אויפגעשטעלט אין די צייט.

**און** די וועלט פרעגט א קשיא, צוועלף יאר איז מען געזעסן און געלערנט, און מען קומט אהיים, און מען וויל באגריסען די שטוב, און מען הערט, אז מען איז מסכים, אז מען קען צוריק אוועקגיין לערנען אויף נאך צוועלף יאר. וואלט ער געדארפט אריינגיין אין שטוב, זאגען א גוט מארגען, וואס מאכסטו, וואס טוסט דו, ווי אזוי איז אדורך געגאנגען די צוועלף יאר, און זיך געזעגענען אויף די קומענדיגע צוועלף יאר. אבער רבי עקיבא האט נישט אזוי געטון, נאר ער האט זיך אויסגעדרייט, און צוריקגעפארן אויף נאך צוועלף יאר, און ער איז געזעסן און געלערנט. פארוואס האט ער אזוי געטון. ווי איז די געפילן פון רבי עקיבא. פארוואס איז ער נישט אריינגעגאנגען אין שטוב, און געזאגט א גוטן טאג.

**די** וועלט ענטפערט דערויף צוויי תירוצים. איינס, רבי עקיבא האט מורא געהאט איינצושטעלן, איינמאל ער וועט מפסיק זיין, און אריינגיין אין שטוב, אפשר וועט זי אים אנהייבען צו מוטשען אז ער זאל בלייבען. אפשר וועט ער אליין רחמנות האבען, און ער וועט נישט וועלן צוריקפארען. ער שטעלט נישט איין. עס איז א נסיון, ער האט יעצט א היתר אוועקצוגיין אויף נאך צוועלף יאר, ער גייט צוריק. דאס איז די פשוטע תירוץ, וואס מען ענטפערט דערויף.

**פון** די בעלי מוסר שטייט אבער אנדערש. רבי עקיבא האט געוואוסט די חשיבות פון לערנען רציפות, ער האט געוואוסט אז עס איז זייער חשוב צו לערנען אין איין ציה, אנדעם וואס מען זאל זיך אפשטעלען. די תורה וואס מען לערנט און מען איז נישט מפסיק, האט א עקסטערע חשיבות פאר זיך. מען טאר קיינמאל נישט מפסיק זיין אינמיטן לערנען, אזוי שטייט אין די גמרא (חגיגה יב:), אויב איינער לערנט תורה, און ער איז מפסיק, מאכילין אותו גחלי רתמים. קיינער וואלט נישט געוואלט קאָסטען, וואס דאס מיינט צו עסן ברענעדיגע קוילן, פאר א ווארט וואס מען רעדט אויס אינמיטן לערנען. אייביג דארף מען לערנען רציפות. אבער וואס עס מיינט 'שנים' רצופות, דאס האט רבי עקיבא פארשטאנען. ווען רבי עקיבא וואלט זיך אפגעשטעלט, און אריינגעגאנגען אין שטוב, און נאכדעם וואלט ער צוריקגעגאנגען לערנען, וואלט ער געהאט געלערנט צוועלף יאר אין איין ציה, און מפסיק געווען, און נאכדעם געלערנט נאך צוועלף יאר. רבי עקיבא האט געוואלט האבען די זכות, נישט פון לערנען צוויי מאל

צוועלף יאר, נאר פון לערנען איינמאל פיר און צוואנציג יאר. רבי עקיבא איז נישט אריינגעגאנגען אין שטוב, כדי ער זאל נישט מפסיק זיין, זיין רציפות אין תורה. און ער איז צוריקגעפארען אויף נאך צוועלף יאר, און ער האט געלערנט פיר און צוואנציג יאר רציפות.

**און** פון דעם איז אויסגעוואקסען א רבי עקיבא, מען גיט נישט פון הימל סתם אזוי קיין מתנות, אז מען וואקסט אויס אזוי גרויס ווי רבי עקיבא, אז מען זאל זיין מיט מער השגות פון משה רבינו. אז מען לערנט רציפות, דאס ברענגט השגות אין תורה. **אז א יוד וויל זוכה זיין צו תורה, דארף ער וויסען די חשיבות פון לערנען נאך א שעה און נאך א שעה רציפות, וואס מער ער קען מוסיף זיין.** מען מוז דאך מפסיק זיין, מען האט נישט קיין ברירה, מיר זענען דאך מענטשען, מען דארף עסן און טרינקען און שלאפען, אבער נאר די מינימום וואס מען דארף צום לעבן. דאס איז א חלק פון תורה, און אויף דעם האט רבי עקיבא אויך מפסיק געווען. אבער אויסער דעם דארף מען וויסען, אז די חשיבות פון תורה איז, זיצען אין בית המדרש און לערנען. און ווען מען איז אין בית מדרש, נישט מפסיק זיין פון לימוד התורה. און דאס וואס מען לערנט רציפות, דאס גיט א געוואלדיגע עליה פאר א יוד, אז ער זאל קענען שטייגען אין תורה.

**עס** איז ביי מיר זייער חשוב, וואס מען איז געזעסן און געלערנט די שעות רציפות. קיין שענערע מתנה וואלט מען מיר נישט געקענט געבן. און איך בין מתפלל אויף ווייטער אויך, אז עס זאל זיך נישט אפשטעלן דא. מען האלט שבת מברכים אלול, עס איז סוף פונעם יאר, עס איז א זמן פון תשובה, וואס א יוד דארף איבערגיין דעם גאנצען לעבן וואס איז אויף אים א אדורכגעגאנגען איבערן יאר. און מען דארף עס יעצט פראבירן מתקן צו זיין. **די גאנצע ציל פון א בחור אין ישיבה איז איין זאך, לימוד התורה. און מוסיף זיין אין לימוד התורה, און זעהן מתקן צו זיין וואס מען האט פארפעלט פון לימוד התורה.** זאל דער אייבערשטער געבן אז מען זאל קענען לערנען שעות רציפות, סיי אין די סדרי הישיבה, און סיי בין הזמנים. וויסען די חשיבות, אז ווען מען זעצט זיך אוועק לערנען, זאל מען נישט מפסיק זיין אינדערמיט, און מען זאל צוגעבן נאך א שעה און נאך א שעה. - איך מיין אז יעדער איינער שפירט ביי זיך א עליה, פון דעם וואס ער האט געלערנט אזוי פיל שעות רציפות, ער שפירט ביי זיך אליין א דערהויבענקייט, זאל מען עס קענען אויסנוצען אויף ווייטער אויך.

**איך** זעה אז מען האט אויפגעשריבען אויפן צעטל, כל המביא דורון לתלמיד חכם כאילו מקריב ביכורים (כתובות קה:). עס איז דא א מעשה פונעם **ישמח משה**, אז א יוד האט אמאל געשיקט טאבעק מיטן **ישמח משה** אז ער זאל עס איבערגעבן פארן **רבי'ן פון לובלין**. און אויפען וועג האט דער **ישמח משה** אינזין געהאט, אז ער טראגט א מתנה פארן **רבי'ן פון לובלין**, נישט ער האט עס געגעבן, נאר א צווייטער יוד האט עס געגעבן. אבער עס שטייט נישט אין די גמרא, כל 'הנותן' דורון לתלמיד חכם, ווער עס גיט די מתנה כאילו מקריב ביכורים. נאר כל 'המביא' דורון, דער וואס ברענגט עס, אפילו א פרעמדער, אז ער איז דער מביא, ער ברענגט א צווייטען'ס ביכורים, איז כאילו ער האט מקריב געווען ביכורים. איז ממילא האט ער אויך א חלק אין די הקרבת הביכורים, וואס ער ברענגט פארן **רבי'ן פון לובלין**. אפילו ער גיט טאקע נישט די ביכורים, אבער ער ברענגט די ביכורים.

**די** בחורים זענען געווען די נותן הביכורים, רבי פישל זאל זיין געזונט, איז געווען דער מביא הביכורים. און נישט נאר דער מביא, נאר אויך דער גאנצער אנפירער, וואס איר האט געהאט די זכות צו לערנען די שעות רציפות, איז צו פארדאנקען פארען חשוב'ן מנהל. זאל אים דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, ער זאל האבען די כח להגדיל תורה ולהאדירה.

**עס** קומט שבת קודש, שבת מברכים אלול, זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען

אפרעכטען דעם שבת ווי עס ברויך צו זיין. כל ברכאן דלעילא ותתא, ביומא שביעאה תליין. ווי אזוי עס ווערט געבענטשט דער חודש אלול, ווענדט זיך אין דעם שבת. דער שבת איז משפיע פאר די גאנצע וואך שפעטער. די וואך איז ראש חודש, וואס אין דעם איז תלוי דער גאנצער חודש נאכדעם. מען זאל עס קענען אויסנוצען צו תשובה שלימה, און דינען דעם אייבערשטען בשמחה ובטוב לבב, און זוכה זיין צו ביאת בן דוד במהרה בימינו אמן.

## שיעור באור החיים הק' בקעמפ מתיבתא נחלת יעקב – לאק שעלדריק

ליל שיש פרשת ראה תשע"ג לפ"ק

(כח) **שמור ושמעת את כל הדברים האלה אשר אנכי מצוך, למען ייטב לך ולבניך אחריך עד עולם, כי תעשה הטוב והישר בעיני ה' אלקיך.** עוד רמז הכתוב במאמר 'שמור ושמעת', שלא יאמר אדם, למה לי ללמוד שמועה זו, אחר שעמדתי עליה, וידעתי, מה שיש עלי לשמור במצוה זו. תלמוד לומר 'שמור', פירוש, והגם אחר ששמרת, וממוצא דבר אתה יודע, שקדם ועמד על הדברים, לדעת את אשר ישמור. ואף על פי כן, 'ושמעת', פירוש, אינך פטור מהגעת בשמיעתה של מצוה:

**זאגט** דער הייליגער **אור החיים הק'**, א מענטש מיינט, אז לימוד התורה איז נאר געמאכט געווארן, כדי ער זאל וויסן ווי אזוי ער דארף זיך צו פירען. אבער איינמאל ער ווייסט שוין וואס ער האט צו טון, איז שוין נישטא קיין ענין, אז ער זאל איבערחזר'ן די מצות וואס ער האט געלערנט, ווייל ער קען דאך שוין. ער ווייסט שוין וואס ער דארף צו טון. איינמאל ער האט אדורכגעלערנט די הלכות פון א סוכה, און ער ווייסט ווי אזוי א סוכה דארף צו זיין, האט ער שוין יוצא געווען. אז ער ווייסט די הלכות פון קריאת שמע, און ער ווייסט ווי אזוי מען דארף ליינען קריאת שמע, דארף ער שוין מער נישט לערנען הלכות קריאת שמע. זאגט די תורה הק', ניין, לערנען דארף מען שטענדיג. 'שמור', אפילו דו האסט שוין אפגעהיטן, איז דאך טייטש אז דו קענסט די הלכות. ווייל טאמער דו קענסט נישט, האסטו דאך נישט געקענט אפהיטן די מצות, ווי עס דארף צו זיין. און אז מען זאגט 'שמור', דו זאלסט אפהיטן די מצות, איז טייטש אז ער האט שוין געלערנט, און ער ווייסט וואס מען דארף צו טון. פונדעסטוועגן דאך, איז א מענטש קיינמאל נישט פטור פון לימוד התורה, 'ושמעת' זאלסטו נאכאמאל איבערלערנען.

**אין** פשטות איז דער פשט, ווייל לימוד התורה איז א מצוה שטענדיג. אפילו א מענטש קען שוין כל התורה כולה, און ער ווייסט שוין אלע מצות פון די תורה, ווי אזוי ער דארף זיך צו פירען. און ווען ער וועט האבען א שאלה, ווייסט ער ווי נאכצוקוקען, און ווי אזוי ער דארף זיך צו פירען. ער דארף שוין נישט מורא האבען, אז אויב ער וועט נישט לערנען ווייטער, וועט ער אפשר עובר זיין אויף א איסור. ווייל ער האט שוין אלעס געלערנט. פונדעסטוועגן דאך, איז דא א מצוה פון לימוד התורה. דאס אליין איז א מצוה פאר זיך. א יוד איז מחויב צו לערנען תורה שטענדיג. והגית בו יומם ולילה (יהושע א-ח), ער איז מחויב צו לערנען תורה בייטאג און ביינאכט. אזוי שטייט אין די גמרא (מנחות צט:) אז רבי ישמעאל'ס שוועסטער'ס א קינד האט געוואלט לערנען א אנדערע חכמה אויסער תורה, האט ער געפרעגט רבי ישמעאל, צו ער מעג לערנען חכמת יונית. האט ער אים געענטפערט, אז אין פסוק שטייט והגית בו יומם ולילה, זאלסט לערנען תורה טאג און נאכט. האט ער אים געזאגט, אז דו וועסט טרעפן א צייט, וואס איז נישט יום און נישט לילה, דעמאלטס קענסטו לערנען חכמת יוונית. ווייל טאמער עס איז יום אדער לילה, איז מען מחויב צו לערנען, והגית בו יומם ולילה, עס איז נישט דא קיין צייט פאר עפעס אנדערש.

**עס** שטייט אין **זוהר הק'** (ח"א עז.), אז יודען האבען געזאגט נעשה ונשמע, לכאורה קומט דאך קודם נשמע און נאכדעם נעשה. נאר די

יודען האבען געמיינט צו זאגען, אזוי ווי דער **אור החיים הק'** זאגט דא. נאכען 'נעשה', וואס מיר האבען שוין מקבל געווען צו טון אלעס, און אז מען האט מקבל געווען צו טון, איז דאך טייטש, אז מען האט שוין געלערנט. פונדעסטוועגן דאך 'נשמע', וועלן מיר נאכאמאל לערנען. א יוד איז מחוייב צו לערנען שטענדיג, און מען טאר קיינמאל נישט מבטל זיין פון תורה.

**אבער** דער פשט דערפון איז נאך טיפער, ווייל עס איז נישט שייך צו לערנען תורה, און זאגען אז מען קען די גאנצע תורה. די גמרא (עירובין נד:) זאגט, **אז יעדע מאל וואס א מענטש לערנט תורה, שפירט ער א טעם חדש, א נייעם טעם, וואס ער האט ביז יעצט נישט געשפירט. יעדע מאל וואס מען לערנט איבער א סוגיא אין די גמרא, טרעפט מען אלץ געוויסע נקודות וואס ער האט פארדעם נישט פארשטאנען. און מען פארשטייט עס אויף א אנדערע וועג, און עס ווערט אים נתחדש פרישע אופנים אין די תורה הק'.** די תורה הק' איז ארוכה מארץ מדה, עס איז לענגער ווי די ערד, ורחבה מני ים, עס איז ברייטער ווי א ים (איוב יא-ט). די תורה איז זייער ברייט, און וויפיל מיר קענען פון די תורה, קענען מיר נישט קיין סאך, נאר גאנץ ווייניג. ווי מער א מענטש איז זיך מעמיק אין די תורה הק', קומט אים אלץ צו א פרישע נקודה, וואס ער האט פארדעם נישט געוואוסט. די גמרא (שם) דרשנ'ט, אזוי ווי א קינד וואס עסט ביי די מוטער, איז טועם שטענדיג א פרישע טעם. די זעלבע איז אויך, א יוד וואס לערנט תורה, קומט אים אלץ צו א נייעם טעם. נאכן 'שמור', נאכדעם וואס דו האסט שוין געלערנט, און דו ווייסט שוין ווי אזוי צו היטן. 'ושמעת', איז מען מחוייב ווייטער צו לערנען, כדי דו זאלסט זוכה זיין צו נאך א גרעסערע השגה אין די תורה הק'.

**אז** מען וויל וויסן ווי ווייט עס איז די טיפקייט פון תורה הק', שטייט אין מדרש (קה"ר יא-ז) אז לעתיד לבא ווען משיח וועט קומען, און יודען וועלן לערנען תורה פון מלך המשיח. וועט די גאנצע תורה וואס מיר האבען היינט, זיין הבל אקעגן די תורה וואס משיח וועט לערנען מיט יודען. אזוי ווי מען זאגט היינט אויף א זאך, אז עס איז הבל, מיינט עס, אז עס איז גארנישט. אזוי וועט די גאנצע תורה וואס מיר האבען היינט, זיין געגליכען ווי הבל, אקעגן די תורה וואס מען וועט זוכה זיין שפעטער צו לערנען פון מלך המשיח. אזוי גרויס וועט זיין דער עמקות פון די תורה, וואס מען וועט לערנען שפעטער מיט משיח.

* * *

**עוד יתבאר**, על דרך אומרו (הושע יד-ג), ונשלמה פרים שפתינו. והנה לפי שאמר שמור וגו' את כל הדברים, ודבר זה הוא מן גדר הנמנע, שיכול האדם לקיים כל הדברים. לזה אמר, 'שמור', פירוש כנגד מצות לא תעשה, שהם ביד האדם לשמור עצמו, מכל מצות לא תעשה. וכנגד מצות עשה אמר, 'ושמעת', פירוש, יקיים המצות בלימוד שמיעתה בפה. ובזה נחשב עליך, כאילו באה לידך, וקיימת אותה, ומעתה יכול לשמור ולעשות את כל הדברים:

**דער** צווייטער מהלך וואס דער **אור החיים הק'** ברענגט דא ארויס, איז דער טייטש 'שמור' דו זאלסט אפהיטן אלע מצות לא תעשה, 'ושמעת' און דו זאלסט אפהיטן אלע מצות עשה, 'את כל הדברים האלה אשר אנכי מצוך', אלעס וואס איך בין דיר מצווה. קען דען א מענטש אפהיטן אלע מצות פון די תורה, עס איז דאך דא אסאך מצות, וואס עס גייט נישט אן ביי יעדען איינעם. און עס איז דא מצות וואס עס גייט אינגאנצן נישט אן היינט. אבער ווען א יוד לערנט תורה, ונשלמה פרים שפתינו, יעדע הלכה וואס א יוד לערנט אין די תורה, ווערט אים גערעכנט כאילו ער האט מקיים געווען דעם דין וואס ער האט געלערנט. איז ממילא דורך דעם וואס דו וועסט לערנען תורה, וועט ווערן גערעכנט ווי דו האסט מקיים געווען אלע מצות.

**עס** איז דא א ווארט וואס ווערט צוגעברענגט אין ***ישמח משה*** (פ' שמות) פונעם ספר **בית שמואל אחרון**, אז די גמרא (שבת לא.) פארציילט, אז עס איז געווען א גר, וואס איז זיך געקומען

מגייר זיין. און ער האט געבעטן פון שמאי, אז ער זאל אים מגייר זיין, ווילאנג ער שטייט אויף איין פוס. דחפו באמת הבנין, האט אים שמאי ארויסגעווארפען, און ער האט אים געזאגט, אז עס איז נישט מעגליך צו לערנען די גאנצע תורה, ווילאנג מען שטייט אויף איין פוס. איז ער געקומען צו הלל, און הלל האט אים יא מקבל געווען. און ער האט אים געזאגט צוויי זאכען. איינס, מה דעלך סני, לחברך לא תעביד. וואס דו ווילסט נישט אז מען זאל דיר טון, טו נישט פאר דיין חבר. דאס איז א רמז, אז וואס דו ווילסט נישט מען זאל דיר טון, דו ווילסט אז מען זאל דיר פאלגען. זאלסטו דיך אויסלערנען, צו פאלגען וואס דער אייבערשטער זאגט. זאלסט נישט טון אנדערש פונעם רצון פונעם אייבערשטען. ואידך, און די איבריגע זאכן, זיל גמור, גיי און לערן. לכאורה דער גר איז דאך נישט געווען קיין טיפש, וואס האט ער געמיינט צו זאגען, אז ער וויל זיך מגייר זיין, ווילאנג ער שטייט אויף איין פוס.

**נאר** דער פשט איז, א יוד דארף מקיים זיין די גאנצע תורה. טאמער א מענטש האט פארפעלט מקיים צו זיין די גאנצע תורה, מוז ער אראפ קומען נאכאמאל אויף די וועלט, כדי ער זאל קענען מקיים זיין די מצות וואס ער האט פארפעלט. עס איז דא תרי"ג מצות אין די תורה, רמ"ח מצות עשין, אקעגן די רמ"ח אברים. און שס"ה לא תעשה, אקעגן די שס"ה גידין. און יעדער אבר און יעדער גיד האט זיין חיות פון א געוויסע מצוה. און טאמער קען ער נישט מקיים זיין די מצוה, פעלט אים אין די חיות פון זיין נפש. און כדי ער זאל קענען נאכדעם זוכה זיין צו עולם הבא, מוז ער אראפקומען נאכאמאל אויף די וועלט, מתקן צו זיין וואס ער האט פארפעלט. עס שטייט אין הייליגע ספרים, 'תורת ה' תמימה' א מענטש דארף מקיים זיין די גאנצע תורה פונעם אייבערשטען, און טאמער נישט, 'משיבת נפש' (תהלים יט-ח), דארף דער נפש נאכאמאל אראפקומען אויף די וועלט.

**דער** גר האט געבעטן, אז ער וויל נישט אראפקומען נאכאמאל אויף די וועלט. און ער זאל אים געבן א עצה, לערן מיר אויס א וועג, אז איך זאל קענען מקיים זיין די גאנצע תורה, על רגל אחד. רגל איז טייטש איין מאל, מלשון כי הכיתני זה שלש רגלים (במדבר כב-כח). איך בין דא אויף די וועלט, געב מיר א וועג, אז איך זאל קענען מקיים זיין אלע מצות פון די תורה. האט אים שמאי געזאגט, עס איז נישט מעגליך. עס איז דא מצות וואס איז נוהג נאר ביי א כהן, עס איז דא מצות וואס איז נוהג נאר ביי א ישראל, עס איז דא מצות וואס עס איז בכלל נישט נוהג היינט, ווי אזוי קען א מענטש מקיים זיין אלע מצות פון די תורה.

**אויף** דעם האט אים הלל געזאגט, איך וועל דיר יא געבן צוויי עצות. איין עצה איז, אז דו זאלסט האבען אחדות מיטן גאנצען כלל ישראל. ישראל ערבים זה לזה (שבועות לט.). א יוד זאגט לשם יחוד וגו' בשם כל ישראל, איך וויל האבען א חלק אין אלע מצות פון יענעם, און יענער זאל האבען א חלק אין אלע מיינע מצות. קומט אויס, אז ווען יודען זענען זיך מאחד איינעם מיטן אנדערן, האט ער א חלק אין אלע מצות וואס יודען זענען מקיים. אבער עס איז דאך דא מצות וואס גייט בכלל נישט אן היינט, און אפילו ער וועט זיך מאחד זיין מיטן גאנצן כלל ישראל, פעלט אים אויך די מצות. אויף דעם האט ער אים געזאגט, ואידך, און די איבריגע מצות, פרושא זיל גמור, זאלסטו גיין לערנען. און אז דו וועסט לערנען, וועט ווערן גערעכנט די לימוד התורה, אזוי ווי דו וואלסט מקיים געווען די מצוה. 'שמור ושמעת' את 'כל' הדברים האלה, אפהיטן 'אלע' מצות, דאס קען מען נאר, ווען מען לערנט.

**און** עס קומט אויס, אז עס איז פונקט פארקערט פון וואס אונזער שכל טראכט. מיר טראכטען, אז א מצוה וואס עס גייט היינט אן, דארף א מענטש לערנען די הלכה, און זיך גריבלען דערין, כדי ער זאל דאס קענען מקיים זיין, און וויסן וואס ער דארף צו טון. אבער די מצות וואס עס גייט ממילא נישט אן, דאס לערנט ער נאר אויף יוצא צו זיין. איך וועל דאך ממילא קיינמאל נישט דארפען צוקומען מקיים

צו זיין די מצות. פארוואס דארף מען לערנען קדשים, מצות התלויות בארץ, עס איז ממילא נישט נוגע פאר אים. עס איז נישטא קיין בית המקדש, עס איז נישט דא קיין קרבנות, מען דארף נישט לערנען מסכת זבחים און מנחות.

**אבער** עס איז פונקט פארקערט. ווייל די מצות וואס עס גייט היינט אָן, ביזטו דאך מקיים די מצוה אליין. דו דארפסט נאר לערנען די הלכות, כדי צו וויסן די יסודות פון די מצוה וואס דו דארפסט מקיים זיין. אבער מצות וואס גייען נישט היינט אָן, איז נישט געבליבען קיין אנדערע וועג וויאזוי מען קען עס מקיים זיין, נאר ווען דו וועסט לערנען די הלכות פון די מצוה. איז אדרבה, די לימוד התורה פון די מצות וואס זענען נישט נוהג היינט, ווערט גערעכנט כאילו דו האסט עס מקיים געווען במעשה.

* * *

**עוד יתבאר,** על פי דבריהם ז"ל שאמרו (ע"ז יט.) ליגרס איניש והדר ליסבר. והוא אומרו 'שמור ושמעת', פירוש 'שמור' שישמור ידיעת הלכה והיא הגירסה. 'ושמעת' היא הסברא, לכוין שמועותיו בשכלו:

עוד יתבאר על דרך אומרם ז"ל (זוהר ח"ג קכג) כי מי שהוא בעל עבירות שערי דעת התורה ננעלים בפניו. ותמצא כי שערי פתחי ההבנה בדברי התורה, הם הם הקושיות שיעמדו בפני האדם, והם סוד הקליפות המתהוים מעבירות האדם. וזהו שהעיר הכתוב במאמר זה 'שמור ושמעת', פירוש אם אתה רוצה שתעמוד על אמיתת התורה להבין אמריה, 'שמור' המצוות לבל תעבור עליהם, ובזה 'ושמעת את כל וגו':

**עס** איז צוגעצייכנט אין די הערות אויפן **אור החיים הק'**, אז אזוי שטייט אויך אין די הקדמה פון **תיקוני זוהר** (יא:), אז א מענטש קען נישט פארשטיין תורה, ביז ער קען נישט פארענטפערן אלע קושיות, וואס עס איז דא אין די תורה. און די קשיות נעמט זיך, פון דעם וואס די קליפות טוען אוועקנעמען די דעת פונעם מענטש, אז ער זאל קענען פארשטיין די תורה הק'. מען זעהט אז מען פרעגט א קשיא, און נאכדעם ענטפערט מען דערויף א תירוץ. און נאכדעם וואס ער ענטפערט דעם תירוץ, זעהט ער, אז עס איז זייער גראד געווען. ער האט געפרעגט א סתירה צווישן צוויי פלעצער, דא שטייט אזוי, און דא שטייט אזוי, און ער האט נישט פארשטאנען די חילוק צווישן די צוויי פלעצער. נאכדעם וואס מען זאגט אים דעם תירוץ, פארשטייט ער עס. אבער פארוואס האט ער עס נישט פארשטאנען פארדעם. ווייל עס איז דא א זאך, וואס האט אים געשטערט אז ער זאל עס קענען פארשטיין. וואס איז די זאך וואס שטערט אז מען זאל קענען פארשטיין תורה, דאס איז די מעשים פונעם מענטש. ווען א יוד פירט זיך נישט אויף ווי עס באדארף צו זיין, ער טוט עבירות. יעדע עבירה וואס מען טוט, נעמט אוועק פון די הבנה אין תורה הק'.

## סיפורי צדיקים שנשמעו בסעודת מלוה מלכה

מוצש"ק פרשת ראה תשע"ג לפ"ק - מתוך הספר מפיהם ומפי כתבם

**רבי איציק'ל פון פשעווארסק** האט פארציילט, אז ער האט געהערט פונעם **שינאווער רב**, אז דער **אפטער רב זי"ע** איז בימיו געווען דער עלצטער פון די רבי'ס. ער האט מאריך ימים געווען, און ער האט געהייסען פון די גרעסטע צדיקים אין זיין דור. אמאל איז ער געפארן אויף שבת צו די שטאט ווישניצא, און דעמאלטס איז דער **ברוך טעם** געווען דער רב אינעם שטאט. און דער **אפטער רב** האט מיטגענומען זיין שוחט, וואס פלעגט פאר אים צו שחט'ן. ווען ער איז אנגעקומען אין א פרעמדע שטאט, איז דער סדר אז מען שחט נישט אַנדעם וואס מען ווייזט דעם חלף פארן רב פון שטאט. האט אים דער **אפטער רב** אריבערגעשיקט צום **ברוך טעם**, אז ער זאל אים ווייזען דעם חלף.

**דער** שוחט איז אריינגעקומען צום **ברוך טעם**, און ער האט אים געגעבן דעם חלף, און ווען דער

**ברוך טעם** איז אריבער דעם חלף, האט ער געטראפען דערויף דרייצען פגימות. און דער **ברוך טעם** האט צוריקגעגעבן דעם חלף פארן שוחט, אז דער שוחט זאל עס אויך איבערגיין, און דער שוחט האט געזאגט, אז ער איז גערעכט, און ער האט אויך מרגיש געווען איבעראל ווי ער האט אים געזאגט, אז עס איז דא א פגימה. דער שוחט איז ארויס פון דארט פארשעמטערהייט, ער האט דאך געוואוסט אז ער האט א גוטן חלף, און מען ווייזט אים נאכדעם אז עס איז פגום. איז ער צוריקגעגאנגען צום **אפטער רב**, און ער האט זיך צעוויינט, און ער האט געזאגט, אז ער הערט אויף צו שחט'ן פון היינט און ווייטער. ווייל ער האט געוויזען דעם חלף פארן **ברוך טעם**, און ער האט געמיינט אז דער חלף איז גוט, און צום סוף זעהט ער, אז ער האט נישט קיין געהעריגע הרגשה. דער **ברוך טעם** האט אים אויפגעוויזען, אז עס האט געהאט א פגימה, און ער וויל נישט מער שחט'ן.

**האט** אים דער **אפטער רב** געזאגט, אז ער זאל אים ווייזען דעם חלף. דער **אפטער רב** איז אדורכגעגאנגען דעם חלף, און ער האט נישט געטראפען דערויף קיין שום פגימה. און ער גיט עס איבער פארן שוחט, אז ער זאל עס נאכאמאל אריבערגיין, און דער שוחט האט אויך נישט געטראפען דערויף קיין שום פגימה. האט אים דער **אפטער רב** געזאגט, דו קענסט בלייבען א שוחט ווייטער אויך, דער חלף איז א גוטער חלף. נאר טאמער דער חלף וואלט מוציא חן געווען ביים **ברוך טעם**, וואלט ער דאך געקומען שבת צו מיר צום טיש, און ער וואלט געווארן א חסיד. אין הימל האט מען געוואלט אז דער **ברוך טעם** זאל בלייבען א מתנגד, מען האט נישט געוואלט אז ער זאל ווערן א חסיד. האט מען געשיקט מן השמים דעם מלאך מט"ט, אז ער זאל מאכען א פאר פגימות אינעם חלף, כדי דער **ברוך טעם** זאל טרעפן אז דער חלף איז נישט גוט.

**דער שינאווער רב** האט צוגעגעבן דערצו, אז ער האט הנאה אז מען האט געשיקט דעם מלאך מט"ט, אז ער זאל מאכען די פגימות, אז עס זאל כאטש קומען דורך א מלאך מסיטרא דקדושה, און נישט אז דער בעל דבר אליין, זאל מאכען די פגימות. - על כל פנים, דער **ברוך טעם** איז געבליבן א מתנגד. אבער אייניקלעך האט ער שוין געהאט חסידים. דער **צאנזער רב** איז געווען א איידעם ביים **ברוך טעם**, און דער **שינאווער רב** איז געווען א אייניקעל פונעם ברוך טעם.

*

**דער** פריערדיגער **קאלוב'ער רבי** פון וויליאמסבורג האט פארציילט, אז דער **אפטער רב** פלעגט אסאך צו עסן.

**והוסיף רבינו:** פון **מיין טאטען ז"ל** האב איך געהערט, אז א גאנצע וואך האט ער געפאסט, אויסער שבת האט ער געגעסן חוץ לדרך הטבע. אז מען האט נישט געקענט פארשטיין, ווי אזוי א מענטש קען אזויפיל עסן. און נאך דערצו ווען מען האט געפאסט א גאנצע וואך, זאל מען קענען עסן שבת אזויפיל.

**איינמאל** האט מען אים געפרעגט, פארוואס ער עסט אזוי סאך. די סדר פון תורה איז, אז מען זאל עסן ווייניג. האט ער געענטפערט מיט א משל, צו א סוחר וואס פארט אין די מרחקים, אויף א יריד. און בשעת מען פארט אויף א יריד, נעמט מען זיך מיט געלט אויף איינצוקויפען. און ווי לאנג מען האט נאכנישט געענדיגט די געשעפטן, טוט מען ממעט זיין אין די הוצאות. ווייל ער וויל אוועקלייגען דאס געלט, טאמער וועט זיך אים מאכען עפעס א געשעפט, זאל ער האבען געלט. ווען ער ענדיגט אבער דעם יריד, און ער האט שוין איינגעקויפט וואס ער האט געדארפט, און עס איז אים געבליבען געלט, דעמאלטס טוט ער זיך שוין מער ערלויבען, און ער גיט אויס דאס געלט, אז ער זאל האבען א געהעריגע אכסניא, און עסן און טרינקען, אזוי ווי דער סדר איז.

**האט** ער געזאגט, אז דאס איז א משל אויף דעם צדיק. בעפאר ער קומט צו, צו די הויכע מדריגות, וואס ער איז משיג. דארף ער זיך קודם מצמצם זיין אין אלע מיני תענוגים, ער זאל זיך צוברעכן דעם גוף, כדי ער זאל קענען צוקומען צו די

מדריגות. אבער איינמאל ער איז שוין אנגעקומען, ער האט שוין איינגעקויפט ביים יריד וואס ער דארף, און ער איז שוין צוגעקומען צו זיינע מדריגות. קען ער שוין עסן אפילו מער אויך.

**האט** ער געזאגט, אז דאס איז פשט אין די משנה (אבות ד-ו) כך היא דרכה של תורה, פת במלח תאכל וגו' אם אתה עושה כן, אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא. און די וועלט פרעגט, אויב עס איז פת במלח תאכל, איז דאך נישט קיין אשריך בעולם הזה. מיט פת במלח, איז מען דאך נאכנישט גליקלעך. נאר, 'כך היא דרכה של תורה', דער וועג צוצוקומען צו תורה, דארף זיין מיט א יגיעה, עס דארף זיין 'פת במלח תאכל'. אבער 'אם אתה עושה כן', אז דו ביסט שוין אדורך דעם מהלך, דו ביסט אדורך געגאנגען דעם דרכה של תורה, מיט פת במלח. פון יעצט קען שוין זיין 'אשריך בעולם הזה', קענסטו שוין נהנה זיין פון עניני עולם הזה אויך.

*

**רבי איציק'ל** האט נאכגעזאגט פונעם **שינאווער רב**, וואס האט נאכגעזאגט אין נאמען פונעם **אפטער רב**. אז ווען מען מאכט חתונה א קינד, עפנט זיך אויבן אין הימל א טויער פון פרנסה. און טאמער די מחותנים מאכען נישט קיין מלבוש פאר זיך אליין, מען טוט נאר אויסגעבן, וויפיל מען דארף האבען פאר די הוצאות פון די חתונה. לאכען פון אים די מלאכים אויבן אין הימל. ווייל אז מען האט דיר געעפענט א טויער פון פרנסה, פארוואס האסטו נישט אריינגעכאפט פאר דיר אויך.

*

**דער ווייצענער רב** האט געזאגט, אז דער **אפטער רב** האט זיך אמאל זייער צוויינט, און מען האט אים נישט געקענט בארוהיגן. האט אים דער **רבי ר' זושא** געפרעגט, פארוואס ער וויינט אזוי. האט ער געזאגט, אז ער זעהט די צרות און די יסורים וואס יודען וועלן אדורכגיין פאר ביאת המשיח, וועגן דעם וויינט ער. האט אים דער **רבי ר' זושא** געזאגט, אז עס שטייט אין **זוהר הק'** אז די צרות וועלן נאר זיין, וויפיל א מענטש קען סובל זיין.

דער באשעפער שיקט נישט קיין יסורים, מער פון וויפיל א מענטש קען סובל זיין, ממילא וועלן די יסורים נישט זיין אזוי גרויס. האט דער **אפטער רב** נאך מער אנגעהויבען צו וויינען, און ער האט אים געזאגט, די האסט דען א השגה, וויפיל א מענטש קען אויסהאלטען. ווי', אז דער אייבערשטער וועט שיקען אזעלכע יסורים, ביז מען וועט קענען סובל זיין. א מענטש קען זייער אסאך סובל זיין, און דאס אליין איז די חבלי משיח, אז דער באשעפער וועט שיקען אזעלכע גרויסע יסורים.

*

**רבי** אליעזר דוד פריעדמאן האט פארציילט, אז ער האט געוואוינט אין רומעניא, און ביי די צווייטע וועלט קריג, ווען די דייטשען ימ"ש זענען אריינגעקומען קיין רומעניא, אנהייב תש"א, האבען זיי זיך באזעצט אין רומעניא, פיר יאר. און די שטאט וואו זיי האבען געוואוינט האט געהייסען הערמענשטאט, און דארט איז געווען פיל מיט דייטשען, און עס איז געווען א גרויסער פחד פאר יודען, וואס עס וועט זיך דא אויסקאכען. ווייל די רומענישע רעגירונג האט דעמאלטס שלום געמאכט מיט דייטשלאנד, און מען האט נאכגעגעבן פאר די דייטשען וואס זיי האבען געוואלט.

**האט** ער דעמאלטס געהערט פון זקנים אז עס איז דא א קבלה דור אחר דור פונעם **אפטער רב**. אז דער **אפטער רב** איז געווען רב אין רומעניא, אין די שטאט יאס. און ער האט געהאט דארט גרויסע רדיפות, און וועגן דעם איז ער אוועקגעגאנגען פון דארט אויף אפטא. זיין רעבעצין האט געהאט א מחלוקת, מיט די ווייב פונעם ראש הקהל. און דער ראש הקהל האט אויסגעפועל'ט ביי די ממשלה, אז מען זאל פארטרייבען דעם **אפטער רב**, ער זאל נישט קענען בלייבען דארט. און עס האט זייער געאהרט פארן **אפטער רב**, אז ער האט געמוזט איבערלאזען די רבנות פון שטאט.

**האט** דער **אפטער רב** דעמאלטס געזאגט, איך וואלט זיך נוקם געווען אין רומעניא, און איך

וואלט עס עוקר געווען מן השורש. אבער איך זעה אז באחרית הימים, וועט די מדינה זיין א מקום פליטה פאר יודען, איז וועגן דעם טשעפע איך נישט מיט זיי. און מיט דעם האבען זיך די יודען מחזק געווען, ווען מען איז געווען אין א עת צרה, אז דער **אפטער רב** האט דעמאלטס געזאגט, אז עס וועט זיין א מקום פליטה פאר יודען.

**מ'יר** האבען נישט פארשטאנען, ווי אזוי עס קען זיין בדרך הטבע, אז מען זאל עס קענען אדורכקומען. עס איז שוין געווען צוגעגרייט די וואגאנען אוועקצוטראגען די יודען, און עס איז געשטאנען אין די צייטונגען, אז ביז א חודש ארום, וועט רומעניא זיין פריי פון יודען. די דייטשען האבען שוין געהאט געפועל'ט ביי די רומענישע רעגירונג, צוצושטעלן די וואגאנען. אבער ממש אין די לעצטע מינוט, האט זיך רומעניא אפגעבראכען פון דייטשלאנד, און זיי האבען זיך צוגעשטעלט מיט רוסלאנד, מלחמה צו האלטען אקעגן די דייטשען. און די דייטשען האבען געמוזט איבערלאזען רומעניא, און אזוי איז געווען א ישועה, אז די יודען וואס זענען געווען אין יענע געגענט פון רומעניא, זענען איבערגעבליבען ביי די קריג. און מען האט אויך מסדר געווען מיט שוחד ביי די היטער פון די גרעניץ, אז זיי זאלען פארמאכען די אויגען, און מען האט געלאזט אריינשווערצן יודען, פון ארום די געגענט, זיי זאלען אויך אריינקומען קיין רומעניא. האט מען דעמאלטס געזעהן, אז דאס וואס דער הייליגער **אפטער רב** האט געזאגט, אז עס וועט זיין א מקום ישועה פאר יודען, איז אזוי געווען.

*

**רבי איציק'ל** האט געהערט פונעם **סטראפקובער רב**, אז דער משמש פונעם **אפטער רב**, איז אויף דער עלטער געפארן קיין ארץ ישראל. און פאר ער איז געפארן קיין ארץ ישראל, איז ער ארומגעגאנגען צו די צדיקי הדור זיך געזעגענען. און ער איז אויך געווען ביים **שינאווער רב** זיך געזעגענען, און דער **שינאווער רב** האט דעמאלטס געוואוינט אין סטראפקוב, און דער **שינאווער רב** האט אים געזאגט, אז ער בעהט אים, אז ער זאל אים דערציילען א עובדא פונעם **אפטער רב**.

**האט** דער משמש פארציילט, אז אמאל איז געווען די צייט, וואס מען האט געדארפט מחדש זיין די לבנה. און עס איז געווען אינדרויסען א רעגן, און פונדעסטוועגן דאך האט דער **אפטער רב** געזאגט, אז מען זאל ארויסגייין מחדש זיין די לבנה. ווען מען איז ארויס, האט מען געזעהן אז עס איז פארוואלקענט און רעגענדיג. האט דער **אפטער רב** זיך אנגערופען, 'אזוי ווי עס איז יעצט פארכמארעט, און עס איז נישטא קיין מבוא, אז מען זאל מחדש זיין די לבנה, און פלוצלינג וועט אויפשיינען די לבנה, און מען וועט קענען מחדש זיין. אזוי וועט זיין פאר ביאת המשיח, מען וועט נישט וויסען ווי אזוי די הילף קען זיין, און פלוצלינג וועט אויפשיינען, און מען וועט זאגען, אז משיח איז געקומען. נו גאלדענע יודעלעך, לאמיר ארויסגיין און מחדש זיין די לבנה, און זאגען ברוך'. און תיכף ווען ער האט עס געזאגט, איז צושפרייט געווארען די וואלקענעס, און מען האט געקענט מחדש זיין די לבנה.

**האט** דער **סטראפקוב'ער רב** אדער **רבי איציק'ל** געזאגט, עס זעהט אויס, אז ער האט געוואלט מחזק זיין די אמונה ביי די יודען, צו גלייבען אין ביאת המשיח. האט ער געוואלט ווייזען, אז אזוי ווי מען זעהט יעצט, אז מען דארף מחדש זיין די לבנה, און עס איז פינסטער, און עס איז נישטא קיין לבנה. אבער פון איין מינוט אויפן אנדערען, קען זיך עס טוישען. אזוי וועט זיין פאר ביאת המשיח. עס וועט נישט אויסקוקען, אז מען גרייט זיך אז משיח גייט קומען, און פון איין מינוט אויף די אנדערע, וועט משיח אנקומען, און עס וועט אויפשיינען די זון פון משיח.

*

**רבי יענקעל'ע** האט געזאגט, ווען א רבי קומט אין שטאט, איז דא אזעלכע וואס גייען, און אזעלכע וואס גייען נישט. און עס איז דא א מאמר פון די וועלט, 'פון נישט גיין האט מען נישט קיין חרטה'. דער פשוטער פשט דערפון

איז, אז אמאל גייט א מענטש צו א רבי, און ער קומט אהיים, און מען האט אים נישט מכבד געווען מיט א געהעריגע פלאץ. און ער איז ברוגז, פארוואס מען האט אים נישט געהעריג מכבד געווען, האט ער חרטה פארוואס ער איז געגאנגען. אבער אז ער איז נישט געגאנגען, האט ער נישט געהאט קיין בזיונות. איז פון נישט גיין, האט מען נישט קיין חרטה.

**האט** דער הייליגער **אפטער רב** געזאגט, אז די פשט פון די ווערטער איז, אז מען גייט צו א רבי, טוט מען תשובה. מען האט חרטה אויף די עבירות וואס מען האט געזינדיגט. ווען מען זעהט ווי אזוי א ערליכער יוד פירט זיך, מען הערט ווי אזוי דער רבי איז מקדש דעם שבת, ווערט מען נתעורר צו תשובה. אבער אז מען גייט נישט, האט מען נישט קיין חרטה, אז מען גייט נישט, האט מען נישט קיין חרטה אויף די עונות, און מען בלייבט אזוי ווי מען איז געווען.

**און** ער האט צוגעענדיגט, אז עס איז באמת א דבר גדול צו גיין צו א טיש פון א רבי'ן, הערן ווי אזוי ער זאגט קידוש. א ערליכען דיבור וואס מען הערט פון א צדיק, טוט אנווארעמען די הארץ פון די וואס הערן עס, און עס ברענגט א הרהור תשובה. און אז מען גייט נישט, האט מען נישט קיין חרטה, אויף דעם וואס מען האט געטון, און מען בלייבט מיט די עונות.

**והוסיף רבינו:** איך האב געהערט פון מיין ברודער **רבי שלמה זלמן** (כ"ק הגה"צ מתולדות אהרן זצ"ל), וואס ער איז א איידעם ביים **תולדות אהרן רבי זי"ע**, אז ער האט אים געזאגט אויף זיך אליין, 'ווער עס קומט צו מיר צום טיש נאך קידוש, האט ער רוב פונעם טיש פארפעלט, און עס איז נאר געבליבען צען פראצענט, וואס ער קען נאך נהנה זיין פונעם טיש'. ער האט געהאלטען, אז זיין גאנצע עבודה איז פון אנהייב ביז נאך קידוש.

*

**דער** הייליגער **אפטער רב** האט פאר זיין פטירה געזאגט האדרת והאמונה. און ווען ער איז צוגעקומען צו הדעה והדיבור לחי עולמים, איז ער נסתלק געווארן. די תלמידים האבען געזאגט, אז ביז יעצט איז געווען די דעה און די דיבור אין זיין האנט. ער האט געקענט רעדן, און עס איז געווען אין זיין האנט צו פועל'ן אלעס אין הימל. און יעצט האט ער עס צוריקגעגעבן, אז הדעה והדיבור לחי עולמים.

*

**רבי מיכל זלאטשובער** האט געהאט א זון **רבי איציק'ל ראדווילער**. ראדוויל מיט קאסוב זענען געווען נישט ווייט איינס פונעם צווייטען. און **רבי איציק'ל ראדווילער** איז געווען רב אין ראדוויל, און דער **אהבת שלום** איז געווען רב אין קאסוב. און זיי האבען געהאט צווישן זיך חילוקי דעות וועגן די שוחטים. און די חסידים פון **רבי איציק'ל ראדווילער**, מיט די חסידים פונעם קאסובער, האבען זיך נישט געקענט פארגלייכען. און דער **אפטער רב זי"ע** איז אמאל אנגעקומען דארט אין די געגנט, אוןביידע חסידים זענען אריבערגעגאנגען צום **אפטער רב**, אז ער זאל זיך אריינלייגען דערין, און אויסגראדען דעם סכסוך וואס עס איז דא צווישן די שוחטים. דער **אפטער רב** איז געווען א מחותן מיט **רבי איציק'ל ראדווילער**, האבען זיי געהאלטען, אז ער איז פאסיג, אויסצוגראדען דעם סכסוך.

**איינע** פון די חשובע קאסובער חסידים, ער האט געהייסען רבי יעקב, איז אויך געווען צווישן די גרופע, וואס זענען געגאנגען רעדן צום **אפטער רב**. און ווען מען האט אנגעהויבען דן צו זיין די פראבלעמען, וואס איז דא צווישן די צוויי צדדים, האט אויסגעקוקט פאר דעם חסיד, אז דער **אפטער רב** הייבט אן נוטה צו זיין, אויפן צד פון **רבי איציק'ל ראדווילער**. האט ער זיך אנגערופן צום הייליגען **אפטער רב**, 'אז דער רבי וועט געבן גערעכט פארן צד פון די ראדווילער חסידים, איז דער רבי א נותן יד לפושעים'. האט אים דער **אפטער רב** געגעבן א קוק אָן, און ער האט אים געזאגט, 'דו פארגעסט מיט וועם דו רעדט'ס'. ער זאל האבען דרך ארץ. האט ער געזעהן אז ער האט זיך פאררעדט. האט ער געזאגט פארן **אפטער רב**, 'מיר זאגען

יעדעס יאר פארן אייבערשטען אתה נותן יד לפושעים, און ער ווערט נישט ברוגז, כאטש מען זאגט עס יעדע יאר, און איין מאל וואס איך האב געזאגט אזא ווארט פארן רבי'ן, איז דער רבי אזוי ברוגז געווארן'. האט דער **אפטער רב** געזעהן אז ער האלט זיך ביי זיינעם. האט אים דער **אפטער רב** געזאגט, דו ווערסט האבען א קינד, וואס וועט נישט גיין בדרך הישר, ל"ע.

**ווען** רבי יעקב האט עס געהערט, איז ער געווארן זייער דערשראקען, און ער איז אריבערגעגאנגען צו זיין רבי'ן, דער **אהבת שלום**, און ער האט אים פארציילט, וואס ער האט יעצט געהאט צו טון מיטן **אפטער רב**. און דער **אפטער רב** האט אים אנגעוואונטשען, אז ער וועט האבען א קינד, וואס וועט נישט גיין בדרך הישר. האט אים דער **אהבת שלום** געזאגט, איך וועל דיר איבערדרייען די ברכה וואס דער **אפטער רב** האט געזאגט, דו ווערסט האבען א קינד, וואס וועט זיין דער גדול הדור. איז ממילא וועט ער נישט גיין בדרך הישר, אזוי ווי אלע אנדערע מענטשען גייען, נאר ער וועט גיין אסאך העכער ווי די וועלט. און ער האט געהאט א זון שפעטער, דער **בית שלמה, סקאלער רב**. ער איז געווען איינער פון די גרעסטע גדולים בימיו, און ער איז געבוירן געווארן פון די קללה מיט די ברכה צוזאמען, וואס ער האט געהאט פונעם **אפטער רב** און פונעם **אהבת שלום**.

**והוסיף רבינו:** וואס איז די מוסר השכל דערפון. איינס, אז מען טאר נישט טשעפענען. ווייל אז מען פארערדט זיך, קען עס שאטען. און נאכדעם, אז דער **אהבת שלום** האט נישט געקענט אוועקמאכען די ווערטער פונעם **אפטער רב**, ער האט געמוזט זוכען א וועג אינעם אפטער רב'ס ווערטער, ווי אזוי אויסצודרייען אז עס זאל נישט זיין דערין א קללה. ער האט דאך נאר אזויפיל געוואונטשען, אז ער וועט האבען א קינד וואס וועט נישט גיין בדרך הישר. בדרך הישר קען מען אויסטייטשען אויף א אנדערע וועג אויך. - און דער אייבערשטער האט מעיקרא אריינגעגעבען אינעם מויל פונעם **אפטער רב**, אז ער זאל זאגען אזא לשון, וואס דעם לשון קען מען שפעטער מהפך זיין אויף לטובה. - און קען זיין אז דער **אפטער רב** אליין, האט עס אויך אינזין געהאט, בשעת ער האט געזאגט אז ער וועט נישט גיין בדרך הישר. אבער עכ"פ פון דעם איז געבוירן דער **סקאלער רב**.

*

**דער אמרי חיים** האט פארציילט, אז דער **סקאלער רב** איז געווען א חסיד פונעם **תורת חיים**, און דער **סקאלער רב** האט פארציילט, אז עס האט זיך אים אמאל געמאכט א שאלה, און ער האט געפסק'נט דערויף להיתר. ווען עס איז אדורכגעגאנגען דער טאג, האט ער זיך איבערגעטראכט די שאלה, און ער האט געזעהן, אז ער וואלט געדארפט פסק'נען לאיסור. אבער עס איז שוין געווען לאחר המעשה, מען האט שוין נישט געקענט צוריקציען פונעם פסק. און ער איז געווען מלא צער, אז עס איז אים געקומען אזא מכשול, אז ער האט מתיר געווען א איסור.

**דער בית שלמה** האט איינגעדרימעלט אויפן בענקעל, און זיין רבי דער **תורת חיים**, איז אים געקומען אין חלום, און ער האט אים געזאגט, אז ער האט זיך נישט טועה געווען אין די הלכה. ער האט אים צוגעצייכענט אויף געוויסע פלעצער ווי ער זאל מעיין זיין, וועט ער זעהן אז ער איז גערעכט. און די עגמת נפש וואס איז דיר געקומען איז געווען, ווייל אזוי ווי מיין זון דער **צמח צדיק** האט אנגעהויבען צו פירן א עדה אין וויזניץ, און דער **בית שלמה** איז נישט אריבערגעגאנגען צום זון, איז וועגן דעם ווייל דו האסט זיך נישט אנגענומען פאר מיין קינד, איז דיר געקומען די עגמת נפש. ווען ער האט זיך אויפגעוועקט, האט ער אנגעהויבען נאכצוקוקען די מראה מקומות, וואס ער האט אים צוגעצייכענט, און ער האט געזעהן אז עס איז ריכטיג. ער האט נישט שלעכט געפסק'נט, עס איז דא אויף וועם זיך סומך צו זיין.

**צופרי** נאכען דאווענען האט ער געזאגט, אז ער פארט אריבער צום **צמח צדיק**. און ער איז געפארן דעם ערשטען מאל צום **צמח צדיק** אויף שבת. און די אלטע רעבעצין פונעם **תורת חיים**,

האט נאך געלעבט, און זי האט געהייסען א בעלת מדריגה, און זי פלעגט צו געבן קידוש שבת בייטאג פאר די חסידים, און די יחידי סגולה פלעגן ארויפצוגיין צו איר אין שטוב אויף קידוש. און דער **בית שלמה** איז לכבוד די אלטע רעבעצין אויך אהין געגאנגען אויף קידוש. און די רעבעצין רופט זיך אן צום **סקאלער רב,** זאגטס מיר **סקאלער רב**, און אָנדעם אז מיין הייליגער חבר [אזוי האט זי גערופן איר מאן], זאל קומען צו אייך אין חלום, האט אייך נישט געפאסט צו קומען אהער. מען האט געדארפט מטריח זיין דעם רבי'ן, ער זאל קומען צו אייך אין חלום. האט ער געזעהן אז זי ווייסט אויך פון דעם חלום צו זאגען. בשעת דעם בייטאג טיש האט דער **צמח צדיק** געוואלט בארוהיגן דעם **בית שלמה**, האט ער אים געזאגט, נו, נשים דברניות הן (ברכות מח:), נשים האבען ליעב צו רעדן, אז זיי ווייסען עפעס, מיינען זיי אז זיי מוזען אלעס דערציילען.

*

**דער אמרי חיים** האט פארציילט, אז אמאל איז דער **צמח צדיק** אריינגעקומען אין בית המדרש שבועות צופרי, און די חסידים האבען אים ארומגענומען. האט ער געזאגט, אז איך האב מיך מיישב געווען, אז אזא בריה שפלה אזוי ווי מיר, איז נישטא אין די גאנצע וועלט. איך האב נישט קיין עולם הזה, און נישט קיין עולם הבא. זיצען א גאנצע טאג און הערען צרות ישראל, וואס פאר א עולם הזה קען מען שוין האבען. און אזוי האט ער גערעדט פון זיך מיט א שפלות. און נאכדעם האט ער געזאגט, נו, אז איך בין אזא שפל, לאמיר כאטש איין מאל עפעס א דאווען געבן פארן בורא כל עולמים. און פונעם שפלות האט ער זיך געשטעלט דאווענען מיט א התלהבות און א אש קודש, אז די אלע מתפללים וואס האבען מיט געדאווענט מיט זיין מנין, זענען זייער דערהויבען געווארן, און זיי האבען כמעט פארגעסן פון די וועלט, אז עס איז דא א גשמיות'דיגע וועלט. און עס האט זיך זיי געדאכט ביים דאווענען, כאילו זיי זענען געווארן מלאכים. זיי האבען מער נישט קיין שייכות מיט עניני עולם הזה.

**ווען** מען האט גענענדיגט דאווענען, האט איינע פון די חסידים געשפירט, אז ער איז הונגעריג, פון די פאר שעה דאווענען. און עס האט אים געאהרט, אז ביים דאווענען איז ער געווען אזוי דערהויבען, אז ער האט נישט געשפירט גארנישט פון קיין גשמיות, און תיכף נאכען דאווענען, שמעקט אים שוין צו עסן א סעודה. איז ער אריינגעגאנגען צום **צמח צדיק**, און ער האט געזאגט, בשעת דער רבי האט געדאווענט, האב איך געמיינט אז מיין גאנצע לעבן וועל איך שוין נישט דארפען האבען קיין דבר גשמי, און צום סוף ווייטער צוריק מיטן בילקע. און איך בין הונגעריג און איך דארף עסן.

**האט** אים דער **צמח צדיק** געזאגט, 'תהלת ה' ידבר פי', בשעת איך זאג תהלת ה', איך בין מתפלל, 'ויברך כל בשר', קען א שטיקל פלייש אויך מיט דאווענען. אבער נאכען דאווענען, איז 'א לאָקש בלייבט א לאָקש'. - אז מען האט מיט וואס מיטצונעמען, קען מען מיטנעמען. אבער טאמער מען איז גארנישט, און מען איז נאר דערהויבען געווארן, בשעת מען האט געדאווענט. אמאל קען מען דערהויבען ווערן מיט די תפלה פון א צדיק, 'תהלת ה' ידבר פי', איז 'ויברך כל בשר', קען אפילו א שטיק פלייש אויך מיט דאווענען, אבער נאכדעם בלייבט מען, מיט וואס מען איז געווען. אז מען וויל זיך דערהייבען, דארף מען עפעס צוטון דערצו.

*

**דער תורת חיים** האט זיך געפירט, אז ער פלעגט צו רעדן מיט די חסידים חסידות ביחידות. מען פלעגט אריינצוגיין צו אים אין שטוב, און ער האט גערעדט דברי חסידות, און מיט דעם פלעגט ער דערוואַרעמען זייערע הערצער אין עבודת ה'. זיין זון דער **צמח צדיק**, האט זיך נישט אזוי געפירט. ער פלעגט צו זאגען דברי תורה ביים טיש, פארן גאנצן עולם, אבער נישט גערעדט פריוואט מיט די חסידים, דברי חסידות.

**אמאל** האבען זיך צוזאמגענומען א קבוצה יונגעלייט, און זיי זענען אריינגעגאנגען צום

**צמח צדיק**, און זיי האבען געבעטען, אז ער זאל טון אזוי ווי דער טאטע, און ער זאל רעדן פאר זיי א שמועס, אין דברי חסידות. האט ער מסכים געווען, און ער האט זיי געזאגט, לאמיר קודם אריינגיין דאווענען. געווענליך פלעגט דער **צמח צדיק** דאווענען פאר זיך עקסטער אין א צימער, אבער יעצט האט ער געדאווענט צוזאמען מיט די חברותא, און ער האט פארגעדאווענט פארן עמוד. די תפלה איז געווען עפעס א אויסערגעווענליכע דערהויבענע תפלה, אזוי ווייט אז ער האט אויפגעהויבען דעם גאנצען ציבור וואס האבען מיט געדאווענט מיט אים, אויף א הויכע מדרגה. כאטשיג עס איז נישט געווען קיין יום טוב אדער א יומא דפגרא, נאר א פשוטער טאג. ווען מען האט געענדיגט דאס דאווענען, זאגט דער **צמח צדיק**, 'נו, האב איך שוין מיט אייך געשמועסט'. ער האט שוין יוצא געווען, מיט דעם דאווענען וואס ער האט געדאווענט, דאס איז געווען די שמועס. מען דארף נישט אייביג זאגען קיין ווערטער עקסטער, נאר דאס דאווענען פון א צדיק, דאס אליין איז געווען דער שמועס, וואס ער האט גערעדט מיט זיי.

*

**דער אמרי חיים** האט פארציילט, אז דער **צמח צדיק** איז אמאל געווען אין מעזבוז, און ער איז ארויסגעגאנגען אויפן בית החיים. אינעם בית החיים ליגט דער **בעל שם טוב הק'** און דער **אפטער רב**. און בשעת ער האט געוואלט צוגיין צום ציון פונעם **בעל שם טוב הק'**, איז ער אויפן וועג אדורכגעגאנגען דעם ציון פונעם **אפטער רב**, ער האט זיך אבער נישט אפגעשטעלט, ווייל ער האט געוואלט צוגיין צום ציון פונעם **בעל שם טוב הק'**. אבער אזוי ווי ער איז אדורכגעגאנגען, האט ער זיך אנגערופן פארן **אפטער רב**, איר זאלט מיר מוחל זיין, אז איך שטעל זיך נישט אפ, ווייל עס איז דא עלטער'ס פון אייך. דער **בעל שם טוב** איז דא, גייט ער קודם צו צום **בעל שם טוב**.

**ער** האט מתפלל געווען ביים ציון פונעם **בעל שם טוב הק'**, און ער האט נישט געוואלט נעמען דארט קיין קוויטלעך פון די חסידים. און ער האט געזאגט, אז ביים **בעל שם טוב הק'** דארף מען מתפלל זיין פארן כלל ישראל, און נישט פאר פרטיות'דיגע בקשות. ווען ער האט זיך געזעגענט פונעם ציון פונעם **בעל שם טוב הק'**, האט ער געזאגט פארן **בעל שם טוב הק'**, 'איר האט אויסגעארבעט א וועג, אז חסידים זאלען פארן צו צדיקים. און מען גייט אוף דעם וועג. חסידים פארן צו די רבי'ס. זאלט איר פועל'ן, אז עס זאל נישט זיין קיין חילוק, ווער עס פארט. און עס זאל נישט זיין קיין חילוק, צו וועם ער פארט. און עס זאל נישט זיין קיין חילוק, ווי אזוי ער פארט. אלע זאלען געהאלפען ווערן.

**והסביר רבינו:** די נקודה פון די ווערטער איז, אז דער **בעל שם טוב הק'** האט איינגעפירט, אז עס זאל זיין א צדיק, כדי עס זאל זיין צו וועם מען זאל פארן. און די חסידים זאלן פארן, אזוי ווי מען דארף צו פארן. און עס איז געמאכט געווארן פאר דערהויבענע חסידים, וואס פארען צו א רבי'ן, ווייל זיי ווילן מקבל זיין. אבער אזוי ווי עס האט זיך געטוישט, אין די שפעטערדיגע צייטן איז שוין נישט געווען, אזוי ווי דער **בעל שם טוב הק'** האט עס אראפגעשטעלט. אבער אזוי ווי דער **בעל שם טוב הק'** האט אויסגעשטעלט דעם וועג, אז מען זאל פארען צו צדיקים. האט ער מתפלל געווען, אז די יודען גייען דאך אויף דעם וועג פונעם **בעל שם טוב הק'**, אז ער זאל פועל'ן, אז עס זאל נישט זיין קיין חילוק, ווער עס פארט, און צו וועם מען פארט, און ווי אזוי מען פארט, און דער אייבערשטער זאל העלפען, אז מען זאל קענען מצליח זיין.

**נאכדעם** איז ער אריינגעגאנגען דאווענען אינעם בית המדרש פונעם **בעל שם טוב הק'** אין מעזבוז, און ער האט געזאגט, דא האבען מיר חזקה צו דאווענען, ווייל דער זיידע, **רבי קאפיל חסיד**, איז געווען דער שליח ציבור ביים **בעל שם טוב הק'**, און ער האט געדאווענט ביים עמוד דא אויף דעם פלאץ.

*

**דער אמרי חיים** האט פארציילט, אז אמאל ערב יום הקדוש, האט דער **צמח צדיק** געדארפט האבען א גרויסע סכום געלט. דער **צמח צדיק** איז געווען א געוואלדיגע בעל צדקה. האט ער אריינגערופן א גביר וואס איז געקומען אויף יום טוב, און ער האט אים געבעטן, אז ער זאל אים געבן א גרויסע סכום פאר צדקה. און דער יוד האט זיך אנגעהויבען צו טענה'ן מיט אים, אז ער זאל מסכים זיין אויף א קלענערע סכום. האט אים דער **צמח צדיק** געזאגט, עס איז היינט ערב יום כיפור, קיין שום יוד האט נישט אינזין יעצט קיין געלט, און איך האב אויך נישט אינזין קיין געלט. ווי איינער זאגט, אז איך בעהט עס פון דיר, ווייס איך וואס איך בעהט. און דער יוד האט נישט מסכים געווען, צו געבן אזא סומע, וואס ער האט געבעטן, און ער איז ארויסגעגאנגען.

**האט** דער **צמח צדיק** אריינגערופען א צווייטען חסיד, וואס איז נישט געווען קיין עושר, און ער האט אים געבעטן דעם סכום. עס איז אים זייער שווער געווען צו געבן אזא סכום, ער איז נישט געווען פארמעגליך, אז ער זאל קענען געבן. אבער תיכף איז ער געגאנגען, און ער האט זיך צוזאמגעשטעלט דאס געלט, און וויפיל דער רבי האט געבעטן, האט ער איבערגעגעבן. האט דער **אמרי חיים** געזאגט, אז דער יוד וואס האט נישט געוואלט געבן, איז ל"ע די גלגל נתהפך געווארן אויף אים, און ער האט פארלוירען זיין פארמעגן. און דער וואס האט געפאלגט א צדיק, איז געהאלפן געווארן, און ער איז נתעלה געווארן למעלה למעלה.

**האט מען געענדיגט מיט א געלט מעשה,**
**זאל זיין הצלחה אי"ה פאר די גאנצע וואך**